## וויכטיק פאר די לייענער פון „לשון און לעבן“

ווי באוואוסט נעמט אָן דער זשורנאַל „לשון און לעבן“ צו דרוקן יעדן מין געזעלשאַפטלעכן און געשעפטלעכן אַנאָנס פון אַ גאַנצער זייט, וואָס דער פּרייז איז 10 פונט, ביז צו אַ קליינעם אַנאָנס פון 4 שורות פאַר 10 שילינג. יעדער אַנאָנס איז אַ ביישטייער און אַ בוי־שטיין פאַרן ווייטערן אויפבוי פונם זשורנאַל „לשון און לעבן“.

---

## וויכטיק פאר אונז און פאר אונזערע לייענער

מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט זיי זאָלן אונז העלפן אין צושיקן אדרעסן פון זייערע באַקאַנטע און פריינט, וועלכע קענען האָבן אַן אינטערעס פאַר אונזער זשורנאַל און אַזוי אַרום שטאַרקן אונזערע קולטורעלע אַרבעט. איר קענט פאַרשטיין, אַז ביי אונזערע לאָקאַלע באַדינגונגען, האָבן מיר נאָך נישט דעם נויטיקן אַדמיניסטראַטיוון און טעכנישן אַפּאַראַט, וואָס מען ברויך צום אויסבוי פאַר אַזאַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל, „לשון און לעבן“, וואָס האָט זיך דורך די אַלע שווערע מלחמה יאָרן מיט אַזוי פיל האַראַוואַניע און מי איינגעוואָרצלט אין אונזער אָרימען ישוב, און וואָס האָט געפונען אַ גוטן אָפּקלאַנג אויך מחוץ ענגלאַנד און מוז ווערן דער קנין און דאָס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש־רעדנדיקן ענגלאַנד.

---

אונזערע חשובֿע אַבאָנענטן, וועלכע באַקומען שוין צוגעשטעלט זייט אייניקע חדשים אונזער זשורנאַל און האָבן נאָך נישט באַצאָלט דעם אַבאָנענטס־פּרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באַטרעפנדע סומע:

13/6 פאַר אַ יאָר. אין אויסלאַנד 3 דאָלאַר.

אין אַלע ענינים זיך צו ווענדן צו אונדזער נייעם סעקרעטאַר נחום שטענצעל

N. STENCEL, 7 Glasslyn Road, London, N.8.

די רעדאַקציע


# לשון און לעבן.

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

אַכטער יאָרגאַנג | פעברואַר 1947 לאָנדאָן | נומער 2 (העפט 85)


## אַ ליטישער לייט־אַרטיקל ווי ביי לייטן.....
## אָדער דער ביולעטין פון י.ל.ש.ג. פאַרן לעצטן חודש

1. צו דער דיסקוסיע יידיש און העברעאיש

נאָך דעם האַזאַרד פון רעפעראַטן און רעדעס, פון דרשות און דיסקוסיעס, אין וועלכעס איך האָב מיך אַריינגעוואָרפן אין די לעצטע וואָכן, אין די צוויי פּראָפּאַגאַנדע חדשים, וועלכע זיינען דעדיקירט געוואָרן פון „פריינט פון יידיש לשון“, — אָנהויבנדיק מיט דער היציקער דיסקוסיע: „די צוקונפט פון יידיש“ אינם „אַנגלאָ־פּאַלעסטינער־קלאַב“. די פריינטלעך געפּראַוועטע גלעזלעך טיי פאַר די אַדורכפאָרנדיקע שרייבער־געסט פון ארץ ישראל צום קאָנגרעס אין באַזעל; — נאָך דעם האַזאַרד, בין איך ממש נישט פעאיק צו פאַרטראַכטן אַ לייטיש זאַץ פאַר מיין לייט־אַרטיקל. — „דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאמר בכתב“! ווארים נישט נאָר ווערט דאָס וואָרט צעקאַלע־טשעט אינם קאָמף, נאָר אפילו דאָס האַרץ צומאָל; אפילו ווען דו ביזט עס, וואָס דו טרעפסט אינם פּינטל.

גאַנץ אַנדערש זיינען געווען די י. ל. פּרץ פייערונגען פאַר 2 יאָר, די שלום עליכם פייערונגען פאַר אַ יאָר און הייַ־יאָר די רייזען פייערונגען; זיי האָבן זיך אויך געצויגן צו צוויי חדשים, זיינען אויך אויסגעפילט געווען מיט רעדעס און רעפעראַטן, אָבער דאָס זיינען נישט געווען קיין ווילדע האַזאַרד־נעכט פון „פּאַסקעם שפּילער“. דאָס זיינען געווען דערהויבענע אָוונטן פון יובל און געזאַנג — די ווערטער אין דיר פלאַטערן אויף און דו פלאַטערסט מיט זיי. און דו ביזט איינס מיט זיי! און אויב זיי ווערן נישט אויפגעשריבן, זיינען זיי ווי יונגע פייגעלעך־עופעלעך, וואָס ווילן זיך נאָך וואַרעמען ביים פלאַטער פון דיין האַרץ; מיט זייער פוכיקער וואַרעמקייט, דערוואַרעמען דעם גליווער פון דיין האַרץ.

ווארים באמת, קאָן מען דען עפּעס מער אויפטון מיט פּראָפּאַגאַנדע רע־פעראַטן און מיט דיסקוסיע־דרשות, ווי דעם געגנער נאָך מער אויפצורייצן און זיך אַליין ווי אַ בייזן הונט אויף דער קייט צוצורייצן? ווייסן מיר דען נישט גענוי דעם נידריקן מצב און דעם מאוסן מעמד אונזערן. דאָ אין אונזער ישוב, בנוגע יידיש און יידיש קולטור.....

מיר, „פריינט פון יידיש לשון“. מיר האָבן נישט קיין שום פאַנטאַזיעס

און מאַכן זיך אייך נישט קיין שום אילוזיעס: אַז אַך און ווי איז צו אונז ייִדישיסטן מיט אונזער האָרעפּאַשנער מאַסע פּונקט ווי צו אייך העברעאיסטן מיט אייער נאַציאָנאַלער הערצווייגענער יוגנט — — —

מיר, „פריינט פון ייִדיש לשון", מיר זיינען פּונקט ווי יענע קינדער פון אַ געליבטער מאַמע, וועלכע ליגט געפערלעך אויפן קראַנקן בעט, וועלכער ס'האָט שוין צום הונדערסטן מאָל די נשמה איר אָפּגעזאָגט. וואָס קאָנען זיי טון, די פאַרלוירענע און די דערשראָקענע אַרום דעם געפערלעכן קראַנקן בעט, ווי זאָגן און ווייטער זאָגן און נאָכאַמאָל זאָגן די אויסגעפּרואווטע שפּרוכן און תפילות — — — און בשעת יציאת נשמה נאָך רופן זיי זי צום לעבן צוריק!

האָבן מיר דען אַן אַנדערע עצה און איז דען דאָס נישט די איינציקע אויסגעפּרואווטע עצה אין אַזאַ לאַגע?

עפּעס איז די שטימונג פאַר ייִדיש לעצטנס דאָך אַביסל בעסער געוואָרן! עפּעס איז דער ביטל־און חוכה־וטלולה־כלי־זין פון געגנערס האַנט דאָך אַרויס געשלאָגן געוואָרן; ער באַנוצט זיך שוין מיט „אַרגומענטן": אַנשטאָט ביטול ווערט ייִדיש שוין דאָס מיטל — ייִדיש, הערמיט צובאַקעמפן. אויב אַזוי זיינען מיר דאָך שוין צו לייטן גלייך! איז עס דאָך שוין אַ ברודער־קאַמף... איז עס דאָך שוין „בימים ההם ובזמן הזה" — ווי אין די אַלטע גוטע צייטן אין דער היים! מעג מען דאָך שוין מאַכן אַ שהחינו איבער ווייטשעפּל, איבער אונזער באַנייטן ייִדישן לעבן אין ענגלאַנד.

איי, אַז דער קאַמף דאָ קעגן ייִדיש און פאַר העברעאיש ווערט אָנגע־פירט פון אַזאַ שטרויענעם „העלד", במחילה, וואָס קען קיין שייטל עברי נישט, און מיט זיין גאַנצן „עני בכוח" האָרעוועט ער נעבעך מיט זיין קוטשערוואַטן האַמעטנעם „קרדום־לחפור־סטיל, זיין איינגענעם טאַלענט צו באַגראָבן (וואָרים אויף מער טויג עס נישט!) דאָס האָט שוין דווקא יאָ צו טון מיט אונזער אָרעמען לעבן דאָ... — ס'איז נישט ציוניזם נאָר ציניזם! נאָר „גיי לאַך אַז דער נ א ר איז דיין"... כ'מיין אונזערס אַ באַקאַנטער שרייבער.

## 2. די באַערונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע קאָמיסיע פון „פריינט פון ייִדיש לשון"

אַפילו די באַנקעט־פייערונג וואָס „לשון און לעבן" האָט איינגעאָרדנט אין דער נאַכט פון מענדעלע מוכר ספרים'ס 111־טן געבוירן יאָר, צו באַערן די פּראָפּאַגאַנדע קאָמיסיע פון „פריינט פון ייִדיש לשון" איז אויך געשטאַנען אונטערן „בלוטיקן" צייכן פון דיסקוסיעס—אַפנים אין דעם איז שולדיק געווען דער מולד מזל פון תקופת־טבת!... אָבער דאָך איז קיינעם פון די „אָנגעלאָדענע" געסט נישט געלונגען „אויפצורייסן" די פייערונג, — די יום־טובדיקע שטימונג, וואָס האָט זיך געפילט ביי די „פריינט פון ייִדיש לשון" איז דאָך געווען שטאַרקער, ווי די קאַמף־לוסט ביי די ייִדיש־קיביצער. די פּורים־רבי־קונסט־שטיקלעך פון „לכבוש המלכה בבית" זיינען אויפגענומען געוואָרן שפּילעריש און געמיטלעך....



אַלע לאָנדאָנער שרייבער, כמעט, זיינען געווען אויף דער שמחה. קיין עין־הרע אייניקע מנינים, וואָס פאַרן שענסטן ייִדישן ישוב וואָלטן זיי געקענט זיין אַ כבוד און אַ צירונג.

דער באַנקעט איז געווען כיד המלך! וויניק עסן און אַסך רעדעס. איך האָב געהאַט אַ שווערן „דזשאָב", אַז דער 5־שעהדיקער „דיסקוסיע"־אָוונט זאָל טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אמתער פייערונג: די טראַדיציאָנעלע מענדעלע־פייערונג אונזערע, פון דעם יובל פון זשורנאַל און די פייערונג פאַר פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע פון „ פריינט־פון ייִדיש לשון".

די לויב־רעדעס פאַר דער קאָמיסיע זיינען געווען חבריש און וואַרים, מיט נאָענטער פריינטשאַפט צו זיי און צו זייער מיפּילער אַרבעט; ס'זיינען אויך געווען אַזעלכע פון וועלכע ס'האָט אַרויסגעהערט דער „ויחר". און דווקא, ווי האָבן דאָס געטון געבן די זיבן מאָל זיבן יתרו־ישע עצות... צו די וועלכע זיינען אַרוים מיט קעגנערשאַפט צו אונזער אַרבעט און מיט פאַרוואורף צום „מדבר" דאָ אין ווייטשעפּל, פאַר די דיסקוטאַנטן וועלן מיר נאָכאַמאָל נע־ברויכן דאָס וואָרט אונזערס: „אַביסל נראָה, אַפנים, שיינט דאָך דאָ צו וואַקסן, אַז נישט וואָלטן דאָך די גרילן נישט געווען ז'זאָלן קאָנען „גריילצן".

אָבער אַפילו דאָס וואַרפן די שתי־וערב־פערעס צווישן אונז איז דאָס וועבן די מאַנווע פאַרן קומענדיקן ייִדישן שאַפן דאָ! אַפילו דאָס וועלן כאַפּן די פיש פאַרן נעץ איז דאָך אַ סימן, אַז מ'גלויבט, אַז עפּעס כאַפּט זיך דאָך... און אַז מ'וויל מאַכן אַ לעבן פון ייִדיש איז דאָך ערשט דער ריכטיקער באַווייז, אַז ייִדיש לעבט....

און אַז מ'מסחר'ט, — נישט נאָר מ'קאָמיוואָיאַזשאַרעט. נאָר מ'דריפט קעשענעס שוין מיט ליטעראַטור, — באַקומט עס דאָך ניוואָ! גרויס־שטאָ־טישן ניוואָ! באַקומען דאָך שרייבער וואושנערן אָנזען....

און מער ווילן מיר דאָך נישט וויסן! מיר ווילן דאָך נאָר האָבן דאָס באַוואוסטזיין און די איבערצייגונג אַז ייִדיש לעבט....

יאָ, ס'איז שווער צו זיין אַ רעדאַקטאָר אין ווייטשעפּל פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל! מ'פאַרלירט דעם גלויבן אין זיך, אין דער אייגענער אַרבעט; עפּעס טויגט מען אַליין נישט. הויבט זיך שוין אָן אויסצוראַכמען. ווייל מ'גייט אָן, אויב מ'קאָן נאָך אָנגיין: און אַלע וואַסערן מוז מען זיין געוואַשן!....

אָבער זיצנדיק יעדן מיטוואָך אויף אונזערע קאָמיסיע־זיצונגען. — אַ קאָמיסיע וועלכע באַשטייט פון 3 האָרעפּאַשניקעס וואָס קומען צולויפן גלייך פון דער אַרבעט, — זיצנדיק צווישן זיי. — איך אַ מענטש וואָס טו אַ גאַנצן טאָג די האַנט אין קאַלטן וואַסער נישט אַריין! — און פילנדיק זייער גלויבן אין אונזער ייִדישער קולטור־אַרבעט, אין מיין אַרבעט, פיל איך מיך ווי דאָס חזנדל, וואָס איז געקומען אין שטעטל אַריין צו די דריי באַלעבאָ־טימלעך — — און אַלץ אַרום ווערט מיר אַזוי היימיש און נאָנט, אַזוי ריכטיק און הייליק.... אַזוי פאָלקסטימלעך לעגענדאַריש.

און מיר טוען וואס מיר טוען! יא, אפילו מיר זאלן דאס גאנצע יאר נישט האבן געטון נאר געהאט אונזערע הייליקע מסיבה־זיצונגען פאר יידיש איז אויך שוין דיינו! ערשט אז פון די זיצונגען איז ארויסגעקומען 12 פולע חדשים מיט געטוענע יידישע קולטור ארבעט, מיט איינגעפירטע גוטע טעאטער שטיק, מיט קאנצערטן פון יידישע פאלקס־לידער, מיט אוונטן פאר יידישן פאלקלאר און פאר ליטעראַרישע רעציטאציעס, מיט אויפהאלטן און פארשפרייטן אונזער זשורנאל און מיט שטיין אין ברייטלעכן קאנטאקט מיט ליבהאבער פון יידישן ווארט אין די כל־ערליי קעמפס — —

יא, די פייערונג איז שוין געווען מער ווי א דיסקוסיע־שלאכט — ס'איז געווען א זכות־משפחה פון „פריינט פון יידיש לשון" אינם געבוירן טאג פון אונזער ערשטן גרויסן קלאסיקער......

3. „זאג נישט קיינמאל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג"...

דער אפשלוס פון די צוויי חדשים פאר יידישן ווארט מיטן „פאלקלאר־אוונט פון די משעבי״שע קינדער", האט דאך באוויזן, מער ווי אלע פראפאגאנדע פארטראגן און דיסקוסיעס־דרשות, אז ווי פארלאזן און באריתומט אונזער ישוב דא זאל נישט זיין, — ממש דעם צלם אלקים שוין פארלוירן! — אבער דער פינגער־אפדרוק אונזערע פירט אונז דאך ערגעץ צו, ווי א בלומיקער שליאך... און נישט בחנם וועט ווייטשעפל אריינגיין אינם יידישן פאלקלאר; ווייל ווי אפגעמעקט ער זאל שוין נישט זיין, טראגן מיר נאך אלץ היילים דעם פארשריבענעם שם הוי' אין יעטווידער אונזער הועיה.

הונדערטער קינדער (טויזנטער שוין, אפשר, ווארים אז ס'ווערן פארלוירן זייערע שפורן, ווער ווייסט נאך זייער צאל...) האט דאס ענגלישע יידנטום אהערגעבראכט פון די קעמפס. זיי זיינען פאריארגט, זיי ווערן געמאכט פאר „קוואליפיצירטע מענטשן". אבער, אז מ'טרעפט אן אזא קינד, צעוויינט זיך דאס הארץ, אין איינגענער שפלות, אויף אונזער יידישער איינזאמקייט דא, אויף אונזער יתומדיקער אויסגעווארצלטקייט: נישט נאר ווארפט זיך דער אויסגעברענטער נומער אויף דעם קינדס האנט אין אונזערע אויגן, נאר אין זיינע ברענענדיקע אייגעלעך זעט מען נאך אלץ ווי „דאס שטעטעלע ברענט"! א, דער קלינגנדיקער פארוואורף אין די טליענדיקע שווארץ־אפלען:

„נעמט די כלים
לעשט דאס פייער".

דא אבער אויף דעם פיצעלע ערד ווייטשעפל, אז מיר האבן דערזען די יידיש־רעדנדיקע קינדער האבן מיר דאך דעם מוט געהאט מיט זיי מיטצוזינגען: זאג נישט קיינמאל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג"!......

אין אונזערע געגראמטע רייד האבן זיי דערפילט, אז געצווילינגטע זיינען מיר, שוועסטער און ברידער פון איין מוטער־לייב! אז איך דערמאן מיך אין באמענטן אין די הרשומדיקע ארבעט מיט די קינדער אין יידישן שעלטער.



נייט אזא ווארעמקייט אויף אין מיר פון לויטערער דאנקבארקייט: ביי די פלאמענדיקע שטעטלעך האבן זיך זייערע הערצלעך געווארעמט, און זייערע היימען זיינען אויפגעשטאנען תחית־המתים אין זייערע הועיות און תנועות.—

אויף דעם לאנג־צוגעגרייטן פאלקלאר־אוונט האב איך געזאלט רייד איבער יידישן פאלקלאר! — גייענדיק איבער דער בינע צו דער נאך אראפגעלאזטער פארהאנג צו האלטן דארטן מיין פארטראג, פארן עולם, און זעענדיק דאס „רביל'ע" זיצן אזוי ביים טיש מיט די חדר־יינגלעך, זיך שאקלענדיק מיט פארמאכטע אויגן, זיך איינלעבענדיק אין זיין „ראלע", מיט אזא שטיל־זינגענדיקער און מתיקותדיקער דבקות, ווי דער בעל שם הקדוש וואלט ארויסגעגאנגען פון די קארפאטן בערג, גרייטנדיק זיך צו זיין גרויסער התגלות, — האב איך מיין גאנצן פארטראכטן „פארטראג" פארגעסן, ניין, נישט פארגעסן, נאר די נישטיקייט און די אומוויכטיקייט תופס געווען. אפשר וואלט איך אים דאך ווי נישט איז געהאלטן, וואס טוט מען נישט אין א פארלעגנהייט... נאר צוקומענדיק דירעקט צו דער פארהאנג, מיט איין פוס שוין דרויסן פאר דעם עולם, שרייט צו מיר צו א „חדר־יינגל", איינס פון די שפילנדיקע מיידלעך, מיט א פאר אויגן, וואס זיינען „אזוי שיין ווי די יידעלעך פון ציון": „רעדט נישט לאנג, מיר ציטערן אלע שוין צו שפילן"! בין איך שטיין געבליבן אן א ווארט אין מויל, נאר פול מיט זכות און מיט זכיה, וואס איבער דעם פיצעלע ערד דא ציטערט עס מיט יידיש ליד. און נישט צום עולם האב איך גערעדט ווי איך האב געוואלט, נישט צו די קינדער ווי איך האב געטראכט, נאר צום פיצעלע ערד דא: ביזט דאך געבענטשט ווייטשעפל, נישט בחנם האבן אונזערע קלאסיקער פאעטן, — ראזענפעלד און ווינטשעווסקי! — געטרעטן דיין ערד מיט ווינגנדיק ציטער פון זייערע לייבער, נישט אומזיסט האבן צענדליקער יאר יידישע הארעפאשניקעס זייער מי און זייער בענקעניש אריינגעוועבן אין זייער געניי מיט ווארט פון יידישן פאלקס־ליד — — און יעצט, אין די לעצטע יארן, אז ס'איז שטיל געווארן דא אין דיר איז דער בעל שם אליין ארויס פון זיין היכל, דיר צו ברענגען זיין ניגון און זיין מעלאדיע —

4. חנוכת הבית פון יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

לסוף ווייסן מיר, אז די הויציקסטע פראפאגאנדע קילט זיך אפ, און אלץ וואס איז אנגעצויגן איבערן כוח פלאצט... און נאך עפעס ווייסן מיר, אז פאר די יידישע יוגנט דא איז אפילו שוין נישט קיין פראגע „העברעאיש—ענגליש", — צומאל נישט „פרעיערס" און נאטעס־דינסטן אויף ענגליש! — פיקאדילי־טאנץ־לאקאלן ציען מער ווי די „רעליגיעזע"־טאנץ־קלאבן ביי די סינאגאגעס...

יידישע פאליטיק און יידישע רעפארם ביידע זיינען אין די אויגן פון די פעלקער ווי די יידישע קאריקאטורן פון מיטלאלטער — די יידישע סינאגאגעס אין מאוריש־גאטישן סטיל האבן נארנישט אנדערש געברענגט אין 1938 ווי עפעס אן אלט פרום שולכל; און ווי ס'האט אויסגעזען א יידישער

פּאָליטיקער, וואָס ענגלישע סאָלדאַטן האָבן אַ האַלב־אַנגעטוענעם פון בעט אַרויסגעשלעפּט — — —

מיר מוזן מאָנומענטאַל קאָנען פאַרמען אונזער מאָמענט. אַז ער זאָל קאָנען בלייבן ביעבעסטאַל פאַר געאייביקטן יידישן מאָנומענט — דער פאָלקלאָר פונם פאָלק זיינען די בוישטיינער דער צו. דער ליים פון וועלכן ס'קלעבט זיך אויס זיין אייביקע ליכטיקע צורה.

עס איז דער פאָלקלאָר פונם תנ״ך וואָס מאַכט דעם פּאַטריאַרך אומשטערבלעך און דער געזעץ־געבער וועט אייביקער פונם געזעץ. עס איז די גרויסע מאָנומענטאַלע פאָרעם וואָס איז דור־דורותדיקער המשך. און אויב דער לעבעדיקער המשך איז נישטאָ, איז יודאַאיזם, אַפילו אַ געזיכערטער צווישן די פעלקער, ציוניזם, אויף אייגענעם באָדן צומאָל, אברים מדולדולים פונם יידישן גוף. עס איז די יידישע נשמה, דער שעפערישער המשך, דאָס שפּרינג־פּעדערל אינם גייענדיקן געווערק אַרום וועלכן עס דרייען זיך די רעדלעך.

אונזער נאָך קלאַפּנדיק געווערקל דאָ אין ווייטשעפּל זיינען די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס. כדי שבת בשבת 3 אַ זייגער טרעפן מיר זיך אָן עולם פון צענדליקער מנינים יידן. כן ירבו, צו הערן יידישע פאָלקס־לידער, רעפעראַטן איבער יידישן פאָלקלאָר און קונסט, צו הערן רעפעראַטן איבער יידישער קולטור און ליטעראַטור, און צו הערן לייענען קאַפּיטלען פון דער יידישער ליטעראַטור. דער י.ל.ש.נ. איז דאָס רעדעלע אַרום וועלכן עס דרייט זיך די אַרבעט פון „פריינט פון יידיש לשון״. און נישט נאָר פריינט פון יידיש און נישט נאָר אין ווייטשעפּל — מ'מוז זיך שוין דרייען אַרום דער יידיש־שפּרינג־פּעדערל פון קאַמף פון קנאת סופרים וועגן און אויס פּאַרטייאישן קאַמף.

אָבער ווי לאַנג די ווייזערלעך דרייען זיך, איז דאָך צו האָפן אויף אַ מזלדיקע שעה!

מסתמא איז עס נייטיק געווען, אַז מיר זאָלן אָפּפינסטערן די לעצטע פּאָר יאָר אין אַ קאַלטן, פינסטערן און אַ ריינרעגנדיקן זאַל, אַזוי אַרום כאָטש צו פאַרזיכערן די נייטוועדיקייט פון דער לאַנגיעריקער אינסטיטוציע. אָבער יעצט האָבן די י.ל.ש.נ. באַקומען צו זייער דיספּאָזיציע די גרויסע און ליכטיקע זאַלן פונם „בערנאַרד באַראָן סעטלמענט״, און דער חנוכת הבית איז געווען נאָר אַ פריילעכער. ס'האָט זיך געפילט די שטימונג פון „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״. די דעקלאַמאַציע פון אונזערע פאַרלייענער און די באַגריסונגען אין נאָמען פון סעטלמענט און פון „פריינט פון יידיש לשון״ האָבן געטראָגן דעם יידיש געהויבענעם כאַראַקטער. אָבער דער סימבאָל פונם ערשטן שבת אין אונזער נייער היים איז געווען, וואָס דער גאַסט פונם יידיש ליטעראַרישן נאָכמיטאָג, אינם סעטנמענט הויז פון די ליבעראַלע יידישע יוגנט אין ווייטשעפּל איז געווען משה קליינמאַן, דער רעדאַקטאָר פונם „העולם״. אַ יידישער שרייבער פון אַלטן דור מיט טראַדיציע מיט קולטור,



וועלכער ווייסט אַז יידישקייט איז נישט סינטעטישער יודאַאיזם מיט פאַרגליווערטן עבר און הוה, וועלכער ווייסט, אַז די „שני כתובים המכחישים זה את זה זיינען פּונקט אַזוי חיליק ווי דער „הכתוב השלישי ויכריע ביניהם״...

### 5. געסט ביים יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָגס

דער פּאָעט דוד פראַם פון זיד־אַפריקע האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט איבערן יידישן קולטורעלן לעבן אין זיד־אַפריקע און פאַרגעלייענט פון זיינע נייע שאַפונגען.

יאָ, אויב דער זיד־אַפריקאַנישער יידישער ישוב קאָן אויסכאַוועןאַזאַ דיכטער, אַז דער ספּעציפיש יידיש ליטווישער פּאָעט, דער המשך פון ניידיסעם קולטורווירטקייט, זיך אַנזעטנדיק מיט אַפריקאַנישער עפּיק, מיט נייער זוניקער לאַנדשאַפט און ליידנשאַפט און דאָך בלייבן אַזוי געטריי זיינע שטילע הימלען, נאָך קלעטערן אויף זיי מיט זיינעם געמאָסטענעם ריטם אין זיינע געציילטע פערזן־טריט — — מיט זיין יעדן געלייענטן בלאַט, פון זיין רירנדיקע און עפּיש געפאָרעמטע פּאָעמע „דאָס לעצטע קאַפּיטל״. געווידמעט דעם ליטווישן יידנטום, האָבן מיר אַרויסגעהערט דעם מיטפילנדיקן צער פונם דיכטער מיטן ליטווישן פאַרקומענעם יידנטום — די וואָרקנדיקע טויב אינם חורבן בית ישראל! אָבער אין איר מויל איז אָבער אויך געווען דאָס פרישע גרינע בלאַט וואָס נאָר אין אַ נייעם וואַקסנדיק יידישן ישוב קאָן עס אַזוי גרינען. (אַפילו די אויטאָמאַטישקייט וואָס פאַלט אַריין אין זיין שטיל־מאָנאָטאָנעם פערזן־גאַנג, מוז מען אויך צורעכענען צו זיין ליטווישער אויסגעהאַלטנקייט און מעטאָדישקייט).

און דאָס איז נאָך אונזער שטיקל טרייסט, וואָס אַפילו אַזעלכע קליינע קבוצים, ווי דער ליטווישער יידישער ישוב, האָבן כוח ציציען ווייטער זייער ספּעציפישקייט אין אונזער איינגאַרטיקן יידישן נוסח — זייער פערעטל איז אויפגעוועבט „אין געוועב וואָס נייט אונטערן נאָמען ייד״.

דוד פראַם געהער נישט צו דער פּוילישער יונגער „כאַלאַסטרע״, נישט צו „יונג ווילנע״ — ער האָט אויפגעבאַפּט, דעמלט נאָך, ניידיסעם ליריש־געשפּינענעם מאַנטל, וועלכער איז פון זיינע שלאַנק־באַוועגלעכע אַקסלען אַראָפּגעפאַלן, ווען ער איז אַזוי יונג אַוועקגענומען געוואָרן; אָבער בכדי נישט צו זיין אַנגעטון אין אַ פרעמדן מאַנטל, האָט פראַם אים אין דער היציקער אַפריקע פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, און אַ נייעם זיך אויפגענייט פון ברייטע באַמבוס־בלעטער — די שאַנד פון אַ געלינטשטן נעגער מיט אים צודעקן צו קענען! אַזוי איינן און אַפריקאַניש איז ער געוואָרן. אָבער פון די ברייטע עפּישע שטעך איז דאָך אַרויסצוזען זיין לייבט־אויטאָמאַטישן גראָס־אין־סטראָפן־געפעכט.

אָבער נישט ווייל ביי „אַ נאַכט אויף אַ ווײלע״ זעט מען זיין מײלע (מעלה). נאָר ווייל בשעת הערנדיק לעזן פראַמען זיין „דאָס לעצטע קאַפּיטל״

האָב איך פאַרשטאַנען: אַז אַלץ וואָס מיר, אַלע ייִדישע פּאָעטן וואָס זיי זאָלן נישט זיין, זאָלן שרייבן איבער דעם געשעענעם אין די לעצטע יאָרן, וועט עס נישט אויספאָרמען דאָס געשענע. מיר מוזן צום ערשטן פון דער טיפעניש פון אונזער בראָך אַרויסבאַקומען די נייע פאָרעם הערפאָר, כדי זי זאָל קענען זיין אַדעקוואַט צום תוך, אים קאָנען דערטראָגן אין זיך.

אונזער ייִדישע דיכטונג ביז צום חורבן אין די לעצטע יאָרן האָט שוין געהאַט די שלימותדיקע פאָרעם פון אונזערע היינטיקע שאַפונגען — אונזער מאָדערנע ייִדישע דיכטונג קאָן זיך מעסטן מיט די וועלט דיכטונג! אָבער פון דעם געשעענעם מוז ערשט אַרויסקומען אַזוינס, וואָס וועט אונז דערהאַלטן אין די וועלט געבן אַ פאָרעם, זיך צו קענען דערטראָגן, ווי די ביבל דיכטונגען האָבן עס געטון, אין דעם גלויבן, אַז דאָס קאָן און וועט געשען וועלן מיר מאָגן לעבן בלייבן. אָבער, אַז אונזער לעבנס ווילן איז דאָך נישט געבראָכן, זיינען אַ מיטבאַווייז זיינע אַפריקאַנישע פּאָעמעס.

דער רעזשיסאָר יעקב ראָטבוים האָט געהאַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט איבער „די פּראָבלעמען פון ייִדישן טעאַטער". זיין רעפעראַט איז געווען אַ שעדעווער פון אַ רעדע! צו דער טעכניק פונם וואָרט איז געקומען צו הילף די עמאָציאָנעלע און געשילטע באַוועגונג. ער האָט דעם גרויסן עולם ליבהאָבער פונם ייִדישן וואָרט און ייִדישן טעאַטער איבערצייגט אין דער נייטוועניקייט פון אַ קאָלעקטיוו טעאַטער אויף סאָציאַלע יסודות און נישט אין בענעפיט־אויפפירונגען פון סטאַרס. און בעיקר אַז טעאַטער מוז האָבן אַ טענדענציעזן דערציערישן תוך.

וואָס איך וויל דאָ צולייגן איז: אונזער תנ"ך, וועלכער האָט אָן שום ספק געהאַט די צוויי לעצטע עלעמענטן, ווי זיינע מענטשלעכע גרונד־ליניעס, האָט אָבער אויך געוואוסט אויסצונוצן דאָס מיסטישע וואָס איז דאָ אין יעדן עלעמענטאַרן נאַטור־געזעץ, פאַר זיין מאָמענטאַלע מאָנומענטאַלע פאָרעם. און דאָס איז די אייגנטלעכע אויפגאַבע אין דער קונסט בנוגע די צוויי דערמאָנטע עלעמענטן — איין גוט אויסגעשטעלטער חפץ אינם רוים קאָן מער ווירקן ווי הונדערט אויפגעשטעלטע ערציִאונגס געזעצן. דעם קינסטלערס טענדענץ מוז קודם זיין, — אויסער אַלע סאָציאַל מענטשלעכע טענדענצן! — אַז נאַטור זאָל אַרבעטן אין אונז אַזוי סימטמאַטיש און סימעטריש ווי דער קריס־טאַל אינם וואַסער טראָפּן, ווי דאָס געפאַרעמטע בלימל אינם פעדערל שניי, ווי די בליט אויפן בוים. דעמאָלט ערשט וועט דער מאַטעמאַטישער חשבון פון אונזערע באַוועגונגען (פון „אומבאַוואוסטן" ביז צום אויסמאָרדן זיך איינס דאָס אַנדערע.) קאָנען ווערן ריין און לויטער אָן שום פּניה און אָן יעדן קאָמפּלעקס.

אַגב, דערמאָנענדיק דאָס וואָרט „קאָמפּלעקס", וויל איך איבערחזרן: איך בין נאָך לגמרי נאָר נישט זיכער צי דראַמע איז אַן עיקרדיקע ייִדישע פאָרעם, ווייל אונז ייִדן פעלט דער „עדיפּוס־קאָמפּלעקס" — מיט אַברהמס



נישט מקריב זיין יצחקן אויף דער עקדה, איז די פּאַטאַלקייט פון גרויסער טראַגעדיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומענדלעכער דערבאַרעמונג. נישט בחנם אַפּנים האָט זיך אין אונזער דראַמע צוגעטשעפּעט דער סענטימענטאַלער מאַמע־קאָמפּלעקס. . . .

אָבער אפשר נאָך דעם וואָס ס'איז געשען, נאָך די גרויסע טראַגעדיע אונזערע, וועט אפשר דראַמע דאָך קאָנען ווערן אַמאָל די נייע פאָרם אונזערע. דער גרויסער ווילן דערצו איז דאָ, דער פּרימיטיווער און דער קינסטלערישער! די וואַקלדיקע בינע־ברעטער מוזן נאָר אַריבערגעוואָרפן ווערן, ווי אַ פעסטע בריק איבער אונזער בלוטיקן תהום פון תמימותדיקן עמך־ייִד דעם טעאַטער־גייער צום אחריותדיקן קינסטלער און טעאַטער־טוער. אינם טעאַטראַל יעקב ראָטבוים, וואָס ווײַלט דאָ ווי אַ גאַסט אין לאָנדאָן באַגריסן מיר אַ טאַלאַנטירטן קינסטלער און אַן אחריותדיקן טעאַטער־טוער, אַ יחיד במינו, כמעט, פון דער חבריה ייִדישע קינסטלער, וואָס זיינען געבליבן פונם פּוילישן ייִדנטום.

פּ.ס.

אין דער לעצטער מינוט לייענען מיר אינם אָנגעקומענעם יאַנואַר נומער „ייִדישע קולטור" אַז דער באַרימטער ייִדישער נאָוועליסט, שאַפער פון אַסך באַקאַנטע ווערק אין ייִדיש, יוסף אָפּאַטאָשו, איז אַלט געוואָרן 60 יאָר.

„פריינט פון ייִדיש לשון" גרייט צו אַ גרויסע אימפּאָזאַנטע פייערונג אין קומענדיקן חודש לכבוד דעם יובילאַר, אָבער קודם כל, ווי דעם טראַדיציאָנעלן „טרונק בראָנפן פאַר דער קרעטשמע", וועט דער שבת, 15טן פעברואַר, אין דאָס גלעזל־טיי נאָך די רעפעראַטן איבער דעם בעל־יובל און פאָרלעזונגען פון זיינע ווערק, זיין געווידמעט דעם גרויסן שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו.

אָפּאַטאָשו געהער צו די געציילטע און באַריימנדיקע פּראָזאַיקער פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור און איז דער ייִדישסטער, סיי בנוגע זיין טעמפּעראַמענט און געפיל און סיי בנוגע זיין געוואַלטיקן אחריות פאַרן ייִדישן וואָרט און ייִדישן געדאַנק. אָפּאַטאָשו געהער צו יענע געבוירענע אין נאַטור־וואַקסיקע טאַלאַנטן, וואָס אין דער ריינקייט פון זייער כאַראַקטער, ווערט זייער טאַלאַנט גייסטיק געלייטערט און געלויטערט, וואו סטיל און טעמע, ווערט ליידנשאַפטלעך געזווינט אין נאַציאָנאַלער יצירה!

יוסף אָפּאַטאָשוס לעבנס־ווערק האָט אין זיך די ערודיציע און טראַדיציע פון ייִדישן פאָלק און איז ווירקנדיק וואָר פון אונזער לעבן! און צו זיין יובילעאום ווינטשן מיר אים אַז זיין תאוהדיק ליידנשאַפטלעך שאַפן, אָנגעזאַפּט איצט מיט דעם ציטערניש פון אונזערע בלוטיקע טעג, זאָל ער ווייטער טראָגן אין זיך דעם יאָרעדיקן בטחון, ווי אין זיינע זאַפטיקע אייפּנייענדיקע „פּוילישע וועלדער".

דער „לייט־אַרטיקל" איז שוין „פאַרשטענדלעך", אָבער אַביסל צו לאַנג געוואָרן, האַ? איר האָט אַפּנים פאַרגעסן, אַז עס איז נאָר אַ פאַרייניגס ביולעטין... און דאָס קומט נאָר פון איין חודש.

## משה עובר

### אונזער זיגנעדיקער זיג

געווידמעט דעם בינע־קינסטלער שלמה קאַהן
פאַר זיין חסידישער דביקות און התלהבות

שירה איז פון יעדן לשון די געטרייע מוטער.
יעדעס וואָרט, אירס — אַ באַליבט קינד.
יעדער אות — איר האַרצנס אַ ציטער,
איר טעם און ריח, איר ווי און ווינד.

זיבציק כּאַמעס מיט זינגענדע רעיונות.
זיצן אין זייערע געזאַנגען אַנגעגורט.
זיי ווינן מיט מנוחה זייערע שבעים לשונות,
האַלזן קושן און נאַגן יעדעס וואָרט.

אָבער מאַמע יידיש איז ליידענט ווינגדיק איר ווינעלע,
ווייל יעדעס הענטעלע און פיסעלע — אַ צעבראָכן פליגעלע:
זי ווינט און ווינט מיט איר לעצטן דוך,
מיט זיפצן שווערער פון זכרונות,
מיט שמייכלען ווייכער פון פוך.

זי ווינט ס'ווינעלע אַראָפּ און אַרויף,
ביז ס'זינקט צום יאוש פון שאול תחתית,
ביז ס'הייבט זיך נצחון פון אין־סוף,
ווי ס'ליד פון מרים הנביאה.

און אַלע זיבציק ווינן אין זייערע רייען,
איין איין גרויסער וועלט־וויג זיי אַלע שטייען,
וואָס דער באַשעפער אַליין טוט תמיד ווינן,
מיט כּוח פון זיין שעפערישן ניגון.

נאָטס וויג שיינט ווי די לבנה אין ראש־חודש,
יעדער קלאַנג קלינגט און לויכט ווי אַ שטערן,
ער זינגט אין זיין פאָטער־שפּראַך, לשון־קודש,
אַלע זיבציק מוטער־שפּראַכן באַצייבערטע צוהערן.



מאַ זייט וויסן איר מיליאָנען פאַרברענטע אין גלות,
און איר מיליאָנען פאַרשטיינערטע פון קללות,
אַז נאָך גרעסער ווי דער גלות,
און ווי אונזערע אַלע מפּלות,
איז אונזער כאַרעכטיקטער בטחון,
און אונזער זיגנעדיקער נצחון.

## י. ביעטש

### אַן אימפּאָזאַנטער פאָלקלאָר קאָנצערט

אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון שלמה קאַהן

אָרגאַניזירט פון „פריינט פון יידיש לשון". איז אויסגעפירט געוואָרן פון די טשעכאָסלאָוואַקישע לאַגער־קינדער, זונטיק, דעם צוועלפטן יאַנואַר, אין דער טויגבי־האָל, קאַמערשל סטריט, איסט, — איז באמת געווען אַ גרויסע איבעראַשונג. ס'האָט זיך געפילט אַ קינסטלערישע האַנט, וואָס פירט אָן.

עס איז במעט אומגלויבלעך דאָס פון דעם יונגן, רויען מאַטעריאַל, זאָל מעגלעך זיין אין דער קורצער צייט, אויסצופירן אַזאַ שיינעם אונטם, וועלכעם איז מיט אַזאַ באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון דעם גרויסן עולם. ס'ווייזט זיך אַרויס דאָס שלמה קאַהן, וואָס האָט די זאַכן אינסצעניר, איז נישט בלויז אַ שוישפּילער, נאָר אויך אַ גוטער רבי.

דער אויפטו איז געווען אַ געוואַנטער, אַ דאַנק שלמה קאַהן און אויך דאָראַ דימאַנט, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט זייער האַרץ און נשמה פאַר דער זאַך. איז געלונגען פון דעם יונגן עלעמענט אַרויסצובאַקומען דאָס בעסטע וואָס די קינדער האָבן געקענט געבן. דעם שיינעם און גייסטרייכן קאָנצערט, וועט דאָס יידישע לאַנדאָן לאַנג האַלטן אין זכרון.

שלמה קאַהן איז אַ גרויסער בעל־אמונה אין דער יידישער שפּראַך, אינם פאָלקס ליד, ווייל דער וואָס גלויבט נישט, שאַפט נישט. אויב מען וויל באמת אויסהאָדעווען אַ דור וואָס זאָל זיין צוגעבונדן צום פאָלק, מוז זיין פאַרבונדן מיט די יידישע ליטעראַטור, מיטן פאָלקס־ליד, וועלכעס ברענגט אַרויס פריי־דיקע נשמה עפעקטן, אויך טרויער שטימונגען מחמת אחריות.

אין פאַרלויף פונם אונטם, וועלכעס איז באַשטאַנען אין דריי טיילן, איז אויפגעפירט געוואָרן צוועלף נומערן.

די יידילעך פונם אַלף־בית פונם דיכטער משה עובר, (מוזיק פון ביאַלסקי) איז פון די קינדער מיט געפיל און אויך אַן אימפּאָזאַנטן אופן אויסגעפירט געוואָרן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי יעדעס קינד וואָלט געווען אַן אות און זיך אַריינגעפּאַסט אין דער גרויסער מאָזאַאיק פון ווערטער. איינ־אַרטיק איז אויך געווען וויקרא, אינסצענירט פון שלמה קאַהן. גרויסער אפלויז.

די באַלאַדע „אונזערע יידישע טעכטער" פונם ריכטער א. נ. שטענצל, רעציטירט פון דעם יונגן דוד גאָלדשילד, האָט געמאַכט א טיפן איינדרוק. ס'האָט אויסגעזען ווי אַלע פילן ממש מיט דעם גרויסן צער פון אונזערע יידישע טעכטער אינם איצטיקן גרויסן חורבן, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער יידישער מאַרטירעלאָגיע. דער עולם איז געווען שטאַרק גערירט, אז ביי אטייל האָט זיך באוויזן טרערן אין די אויגן. דער גרייסער און הילכיקער אפלויז האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אזוי ווי אַלע זיינען עפּעס אין א שווערער מינוט באפרייט געוואָרן פון א פינסטערן קאָשמאַר, וואָס האָט אזוי שאַרף געדריקט.

זער רירנד איז אויך געווען דאָס ליד „דער פוילישער רב" פונם זעלבן דיכטער, רעציטירט פון משה יאַקאָבאָוויטש.

דאָס ליד „אומגעקומען", געשאַפן פון איינע פון די אומגעקומענע קינדער אין געטאָ, אויסגעפירט פון חנה בירנבוים, האָט זער אויסגענומען.

די קללה פונם דיכטער שמואל והייט, אינסצענירט פון שלמה קאָהן, האָט געמאַכט אויפן עולם א גרויסן רושם. עס זיינען נישט נאָר געשטאַנען יונגע מענטשן אויף דער בינע און פאַרשאָלטן דאָס געוויסן פון דער וועלט, וועלכעס האָט דערלאָזט צו אזא ביטערן חורבן. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער גאַנצער עולם שעפּטשעט מיט בלחש: פאַרשאָלטן, פאַרשאָלטן....

„דאָס שטעטל ברענט" פון מרדכי געבירטיג, האָט שטאַרק אויסגענומען און דער גאַנצער עולם, האָט מיט ביטערניש מיטגעזונגען: „עס ברענט יידעלעך עס ברענט"...

„זאָג קיינמאָל נישט, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג." פון גליק, אויסגעפירט פון די קינדער, האָט אויף אַלעמען געמאַכט א טיפן איינדרוק, ווען די געמיטער זיינען שווער פון אונזער שווערער צייט און די הערצער זיינען אָנגעלאָדנס מיט פיין פון דעם וואָס ס'איז געשען, איז געווען פאַר אַלעמען א טרייסט צו זען יידישע קינדער איבערגעבליבענע געראַטעוועטע, טראָגן אין זיך דעם שטאַרקן בטחון, דאָס כל זמן מיר זיינען דאָ, זאָג נישט, דו גייסט דעם לעצטן וועג.

אימפּאָזאַנט איז געווען „פון וואַנען קומט א ייד". וועלכעס איז אזוי שיין אויסגעפירט געוואָרן, האָט פאַרגעשטעלט א שטיק יידיש לעבן, וואָס איז ליידער שוין אָפּגעווישט געוואָרן. עס עקזיסטירט נישט מער דער ליובאַוויטשער ייד וואָס טרינקט בראָנפן, הוליעט און מען גייט א קאַראַהאָד. די זאַך האָט א קינסטלערישן ווערט, דערמיט וואָס עס צייגט צוויי קאָנטראַסטן, די גרויסע יידישע אָרעמקייט, און דער פריילעכער קבצן, דער ווערטל זאָגער.

עס זיינען געזונגען געוואָרן העברעאישע און יידישע פאָלקס־לידער זער שיין און געווען דאָס פאָלקס ליד „שוואַרצע קאַרשעלעך רייסט מען". אויסגעפירט פון שאַרלאָט לאַזאַראָוויטש.

ס'מוז אויך דערמאָנט ווערן, דאָס דער „קאָמפּער", דער ניין אָרער צען



יאָריקער בחורל, איז דער יונגסטער זון פונם שוישפּילער לשמה קאָהן, וועלכעס האָט מיט זיין גוטמוטיק שמייכעלע געהאַלטן דעם עולם אין צוויק, בשעת'ן אויסרופן „ליידים און דזשענטלמען" און באַלד אויסרופן אין א שיינעם יידיש, „חשובער עולם איצט וועלן די קינדער אויספירן" דאָס איז א טרייסט אָבער אויך א צוריקוויז צו די וועלכע זאָגן אז אויף לאַנדאָן איז אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין דער אוואַנגאַרד פונם אונטערגאַנג פון יידיש. דער קליינער יינגל האָט אונז אַלעמען געוויזן וואו די שולד ליגט, גיט די קינדער א דערציאונג אין דער יידישער שפּראַך, שאַפט די מעגלעכקייטן, יאָ דאָס איז דער דרך החיים פון א פאָלק

עס האָבן אויף דעם אונט גערעדט די שוישפּילערין דאָראַ רימאַנט, דיכטער משה־עובר, א. נ. שטענצל, געט רובין, וועלכע זיינען וואַרים אויפגענומען געוואָרן פון פּובליקום.

דאָס יידישע לאָנדאָנער וואָרט אומגעדולדיג אויף ווייטער אזעלכע פאָלקלאָר קאָנצערטן.

## דוד ווידענפעלד

### צום מענטש וואָס שטייט אויף דער לבנה אליין

צום מענטש וואָס שטייט אויף דער לבנה אליין,
אויף א באַרג פון אייז פאַרגליווערט געווײן,
הייב איך ד'אויגן אַרויף מיט א פינטל,
פינטלט ער צריק מיט שטערן א בינטל,
רייס איך א ווייַ־בלאַט אַרוים פון מיין לוח,
עפן מיט גילגולים פאַנטאַזיעס א בוך.
מיש אויף פון טויזנט און איין נאַכט א בלעטל:
פאַר'כישופ'טע ליבע אויף א פּערסיש בעטל.
בילט בלעם אינדרויסן נישט א הינטל?
גלעט מיך א בת מלכה נישט א ווינטל?
זע איך א מענטש אויף דער לבנה שטיין,
אַרומגענומען מיט דער איינזאַמקייט,
קוקט צו די שטערן איך אזוי אַרויף,
ווי איך דאָ אויף ד'ערד פאַרבענקט אָן סוף.

### אינדערפרי

מיטן געקלימפּער פון מילך־קאַנען
האָט דער מאָרגן זיך פאַרשטאַנען,
און ד'זון וואָס הינטער וואָלקנס זיך בעהאַלט,

קומט ארויס מיט א פנים צעשטראלט:
איך וויים פונוואנען!
פון וועלכן דארף, פון וועלכע קי
ס'קומט ד'נאס ד'מילך צו.

פון וואנען קומט ד'מילך צערינגען,
אייטערס־מילך וואו זענען צוגעפינגען?
רויטעלט ד'זון זיך, הייבט אויף ד'שערץ
פון א וואלקן מיט א וועלט־שמערץ.
און צווישן ד'גארדינען,
פון א פענצטער מיט א בלומענטאפ,
ווייזט זיך מיט צעלאזטע האר א פרויענקאפ.

## פארוואס איז נישט ליכטיק דער טאג?

פארוואס איז נישט ליכטיק דער טאג?
בעהאלט דיך נישט זון קום ארויס,
כוויל דיך עפעס פרעגן:
ד'נאכטיקע טעג וואו בלאנדושן ארום,
ווייסטו אויף וועלכע וועגן?

ס'איז דא א טיר אין א שטוב,
אויף א הויכן וואלקן,
מיט פענצטער און פארהאנגען,
דארטן זענען ד'נאכטיקע טעג,
ווינען ארייננעגאנגען.

אויפן שוים פון האריזאנט
כאפט זיך אויף א יונגע שעה,
מזרח־אויגן שיינען,
נאר אין מערב וויל דער טאג
אין אלע טייכן ארייווויינען.



לעא קעניג

# אברהם רייזען אין פאריז

(אביסל זכרונות)

א.

איך וויל איצט איבערגעבן אביסל פון מיינע זכרונות וועגן רייזענען ניט ווייל איך האב ליב שרייבן זכרונות (איך האב בעסער ליב לייענען זכרונות און איך וויל זיך איבערהויפט אייגרעדן אז איך בין נאך צו יונג שוין צו־פארנעמען זיך מיט זכרונות), נור וועגן רייזענען מוז מען, דאכט זיך, שרייבן זכרונות, ווען מען האט געהאט דאס פארגעניגן מיט אים זיך צו קענען און מיט אים אפט זיך צו טרעפן:

ווען מען שרייבט צי מען רעדט וועגן רייזענען דעם דיכטער, דעם שריפט־שטעלער מוז מען גלייך דערזען רייזענען דעם מענטש.

ס'רוב ווען איר רעדט, צי איר שרייבט וועגן א שרייבער, א קינסטלער, זעגט איר הויפטזעכלעך באשעפטיקט מיט זיינע ווערק, מיט זיין שאפן, — איר אנאליזירט זיי, איר שאצט זיי אפ לויט אייערע כוחות. דערנאך — דער־מאנט איר זיך אין דער פערזענלעכקייט פונם קינסטלער, אויב איר האט אים געקענט, און איר גיט איבער אפאר שטריכן פון זיין פערזענלעכקייט, און אייערע אייגענע איינדריקן פונם שריפטשטעלער ווי אילוסטראציעס צו זיינע ווערק, מיט רייזענען איז גאר עפעס אנדערש: רייזען און זיינע ווערק זיינען איינס. רייזען דער מענטש און רייזען דער דיכטער — חד הוא. ווען איר לייענט רייזענס לידער, אדער דערציילונגען — דערזעט איר גלייך און דער־הערט גלייך רייזענען דעם מענטש: איר לייענט זיינע לידער און עס דאכט זיך, אז אט שטייט ער גאר נעבן אייך און רעדט צו אייך זיינע לידער מיט זיין אינטים־מענטשלעכער, פשוטער און נוט־ברידערישער שטימע... און ער זאגט צו אייך:

„נו וואס זאגט איר, איר זענט דאך עפעס א מבין? א יא, ס'איז פשוט און גרוי און מוזיקאליש... ס'איז אפשר ניט גרויס, אבער ס'איז אמת, ערלעך... און וואס איז גרויסקייט?" — —

---

דאס ערשטע מאל האב איך זיך געטראפן מיט רייזענען אין פאריז פאר דער ערשטער וועלט מלחמה (ס'האט געמוזט זיין נייגצן דרייצן אדער נייגצן צוועלף — איך געדענק קיינמאל ניט גוט קיין דאטעס). זאגט צו מיר איינ־מאל שלום אש מיט וועלכן איך פלעג זיך דאן כמעט אלע טאג טרעפן: אברהם רייזען, מיינער א אלטער חבר פון די אמאליקע יארן איז געקומען צופארן... איר האט געהערט פון אים? איר ווילט זיך מיט אים באקענען?

שלום אש, דער דאן שוין באפליגעלטער און אימפעטיקער שלום אש, וואס ריינהארד האט שוין געהאט אויפגעפירט זיין „גאט פון נקמה" (און

ראַכט זיך אויך שוין דער מאָסקווער קונסט טעאַטער — סטאַניסלאַווסקים), דער דאַן שוין באַריטמטער און ביי אונדז „צעבאַלעוועטער" שלום אַש. וואָס פלעגט אַזוי כאַראַקטעריסטיש דאַן רעדן און חנדלען זיך מיט זיין רייטשן פאַרלעגער פּישער. האָט עס מיר געפרעגט „צי איך וויל זיך באַקענען מיט זיין אַמאָליקן חבר" מיט אַזאַ אַפּאָלאָגעטישן טאָן, ווי איינער גייט פאַרשטעלן אַ אָרעמען, כאָטש ליבן קרוב. . . .

און ווען איך האָב דאַן כמעט ענטוזיאַסטיש געענטפערט:

„צי איך וויל זיך מיט רייזענען באַקענען? וואָס פאַר אַ פראַגע? אודאי וויל איך עס. איך האָב רייזענען ליב. ." — האָט אונדזער „אייביק נאַאיווער" אַש זיך אַפּנים דערפילט אַביסל פאַרלעגן און אַנטוישט: ער האָט זיך אַפּנים פאַרגעשטעלט, אַז איך, דער דאַמאָלטיקער יונגער מאָדערניסט, אַזוי געראָפענער „עסטעט" — אַ נייע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור — וועל מסתמא ווי אַלע יונגע מאָדערניסטן פון יענער צייט, וועלכע פלעגן רעדן פון די דאַן מאָדישע שרייבער ווי פּשיבישעווסקי, דאַנונציאָ, ווערכאַרן, מעטערלינג, מאָריס באַרעס, און פון די אימפּרעסיאָניסטן, פוטוריסטן און קוביסטן אין דער מאָלעריי — וועל מסתמא פאַרדרייען מיט דער נאָז, און זאָגן: ווער, רייזען, איך האָב דאָכט זיך אַמאָל עפּעס פון אים געלעזן נישט אינטערעסאַנט..

צום סוף האָב איך נאָר באַגייסטערט אים געענטפערט, אַז נישט נור וויל איך זיך מיט רייזענען זיך באַקענען, נור אַז איך האָב אים נאָך ליב. . . .

אַש האָט זיך מסתמא געפילט אַביסל ענטוישט פון מיין ענטפער; און אפשר נאָר שטאַרק צופרידן, ווייל אַש האָט אין דער אמתן רייזענען ליב געהאַט, און נישט נור ווי אַ אַלטן חבר, נור ווייל רייזענען קען מען נישט נישט ליב האָבן. . . .

ווייל אונדזער אברהם רייזען האָט יעדערער ליב.

---

איך גלויב אַז איך וועל גאָרנישט מגזם זיין ווי מען איז געוועגטלעך מגזם, ווען מען רעדט וועגן אַ בעל יובל און נאָך אַזאַ בעל יובל אַ בן־שבעים ווי רייזען — ווען איך וועל אַצינד זאָגן אַז רייזען איז דער באַליבסטער פון אַלע יידישע דיכטער: אפשר אַנדערע פון אונדזערע באַריטמטע דיכטער און שריפטשטעלער קענען מיר מער באַוואונדערן ווי רייזענען, אַנדערע קען זיין זיינען רייכער און פאַרביקער; מיר לערנען אפשר פון אַנדערע פון אונדזערע שריפטשטעלער מער ווי פון רייזענען — אָבער פונדעסטוועגן איז קיינער, דאַכט זיך, פון זיי אַזוי נישט האַרציג און אינטים־באַליבט ווי רייזען — און פון אַלע קרייזן יידישע לעזער — אינטעליגענטע און פאָלקסטימלעכע. . . .

איך וועל וואַגן און זאָגן אַז אפילו אונדזער גרויסער און איינציקער שלום עליכם איז נישט אַזוי באַליבט, אַזוי היימיש באַליבט, ווי אברהם רייזען: מיר האָבן אַלע גרויס ליבשאַפט צו אונדזער גרויסן הומאָריסט, מיר האָבן אודאי פון אים פון שלום עליכמ'ען מער הנאה, מער אמתן פאַרגעניגן ווי פון



סיי וועלכן ס'איז יידישן שרייבער, אָבער אונדזער ליבשאַפט צו שלום עליכמען, וואָלט איך געזאָגט, איז געמישט אויך מיט אַ יראת הכבוד: ער האָט געפילט אַז מיר אַלע האָבן אים ליב, אָבער ער האָט אויף אונדז אַרויסגעשמייכלט פון אונטער זיינע ברילן, עפּעס ווי אָט אַ און ער גיט פון אונדז אויך אַ לאַך אָפּ. אמת שלום עליכמ'ס אַראָפּשמייכלען אויף אונדז איז נישט געווען אַזוי ביטער־סאַטיריש ווי מענדעלעס; שלום עליכם איז געווען פיל מענטשלעכער, זוניקער און פריילעכער, אָבער ער האָט דאָך אויף אונדז אַראָפּגעשמייכלט. .

רייזענען האָבן מיר אָבער אַלע אַזוי האַרציג מענטשלעך ליב — ווי מען האָט ליב אַ אמתן גוטן ברודער, אַ עטוואָס עלטערן גוטן ברודער, וואָס מאַכט פאַר אייך נישט קיין אָנשטעלן, און רעדט און זינגט פאַר אייך וועגן בשותפותדיקן צער און גרויער טאָג־טעגלעכקייט און וואָכעדיקייט. . . .

אברהם רייזען באַלאַנגט צו דער פיינער אוניווערסאַלער משפחה קינסטלער און דיכטער „גוטע ברידער" וואָלט איך זיי אָנגערופן; צו וועלכער עס באַלאַנגען אַ מאָפּאַסאַן און אַ טשעכאָוו; די פראַנצויזישע ליטעראַטור האָט אַ סך גרעסערע דיכטער און שריפטשטעלער ווי מאָפּאַסאַן, אָבער איך ווייס נישט צי די גרעסערע שריפטשטעלער זיינען געווען אַזוי אינטים און היימיש באַליבט ווי אָט דער מענטשלעך־גוט בלידערישער מאָפּאַסאַן. . (אפילו דער גרויסער טאָלסטאָי, דער נביא פון „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ" האָט ליב געהאַט מאָפּאַסאַנען).

נו נעמט, למשל, טשעכאָוו: ווער נאָך איז אַזוי באַליבט אין רוסלאַנד — און עד היום — ווי טשעכאָוו? טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי זיינען זיכער גרעסערע שריפטשטעלער, אָבער קיינער פון זיי איז נישט אַזוי באַליבט געווען ווי ס'איז דער מענטשלעך פיינער און אומעטיקער טשעכאָוו. וועלכער האָט געזאָגט צו האָפן אַזוי ווי זיינע העלדן, אַז „אין אַ הונדערט יאָר אַרום וועט אפשר גרינגער זיין צו לעבן". . . און ווער איז אין דער ענגלישער ליטעראַטור אַזוי אינטים־באַליבט ווי די קלוגע זשאַק אָסטין? — —

איך געדענק ווי ער האָט מיך אַמאָל אַריינגעפירט אין דער דאַמאָלטיקער יידישער ביבליאָטעק אין פּאַריז (ערגעץ אין דער „רו דע ראָזוע"); ער האָט אַזוי שטאָלץ עניוותדיק און אַביסל פאַרשעמט פון די פּאָליצעס אַראָפּגענומען אַפּאָר בענדלעך פון זיינע לידער און דערציילונגען; איך האָב געעפנט זיינע ביכער — זיי האָבן אויסגעזען גוט אויסגענוצט. . די בלעטער מיט זיינע לידער זיינען געווען פאַרפלעקט און פאַרגעלט: מען האָט זיי קענטיק אַסך געלייענט און ווידער געלייענט. . און ווי אַזוי געלייענט? איך האָב געקענט שווערן, אַז רייזענס לעזער און לעזערינס האָבן טרערן פאַנאַנדער אויף די לידער און פאַרפלעקט מיט זייערע טרערן די בלעטער (זעלטן האָבן ביכער די זכיה פאַרפלעקט צו ווערן דורך טרערן. .); און כמעט אונטער יעדער ליד איז געווען אַ אויפשריפט אין טינט און בליי. . מען האָט געקענט דערקענען די הענט וואָס האָבן איבערגעלאָזט די אויפשריפטן... מיידעלשע און אַרבעטער הענט מיט מאָזאָליעס. .

און וואָס פאַר אַ אויפשריפטן זיינען דאָס געווען :

„אוי, ליבער רייזען.. איך וואָלט דיר געקענט אויסקישן דיינע פינגער.. טייערער, האַרציקער רייזען.. ווי איך האָב דיך ליב..“ — און נאָך אַזעלכע אויפשריפטן כמעט אונטער יעדער ליד..

זאָגט מיר ווער נאָך פון אונדזערע גרויסע דיכטער האָט געהאַט די זכיה זייערע לידער זאָלן זיין אַזוי באַשריבן ?

האָט אַפילו אונדזער שלום עליכם געהאַט אַזעלכע אויפשריפטן פון אַזעלכע תמימותדיקע פאָלקס־לעזער ?

---

אָבער נישט קוקנדיק אויף דער וואַרימער און אמתער ליבשאַפט וואָס רייזען דער דיכטער האָט געפילט צו זיך פון אַלע יידישע לעזער און שרייבער, איז ער פאָטס געווען אַזוי מענטשלעך באַשיידן, און חבריש אויפריכטיק: איינמאָל געדענק איך, זיצנדיק ביי אַ טישל אין דרויסן ביי אַ קאַפע אויפן בולוואַר סאַן מישעל, דער באַרימטער בולוואַר וואו אויך די יידישע קינסטלער, שריפטשטעלער און באַהעמער פלעגן דאַן זיך טרעפן, האָט ער מיר „פלוצלונג“ אַ פרעג געטון :

„אָבער זאָגט מיר דעם אמת — איך האָב טאַלאַנט“ ?....

ס'איז נישט געווען, ווי מען דריקט זיך אויס אין ענגליש, אַ „לעג־פולינג“ און אונדזער רייזען, אויף וויפיל איך ווייס ליידט נישט פון די היינט מאָדישע „אינפעריאָריטי קאָמפּלעקסן“, וועלכע גרעניצן זיך מיט „סופעריאָריטי קאָמפּלעקסן“....

ס'איז געווען איינפאַך רייזען, דער אמתער דיכטער, וועלכער קען צווייפלען פון צייט צו צייט ווי ס'איז דער פאַל מיט אַלע אמתע קינסטלער....

איינמאָל האָט צו מיר רייזען אַ זאָג געטון : „איר וועט נאָך אַמאָל אַרויסגעבן אַ זשורנאַל און איר וועט מיינע זאַכן נישט וועלן דרוקן“....

פאַרשטייט זיך, אַז די „נבואה“ איז קיינמאָל נישט מקוים געוואָרן.

אגב איז דעמאָלט געווען די צייט — ערב דער ערשטער וועלט מלחמה — ווען די יידישע אינטעליגענץ און טיילווייז אונדזער קריטיק האָט זיך אַביסל סנאָביש באַצויגן צו רייזענען : ער איז פאַר זיי געווען צו איינפאַך. מען האָט זיך איבער רייזענען נישט געקענט שווער־קעפּיג („הייבראַ'איש“) גריבלען ; ער איז נישט געווען גענוג פּראָבלעמאַטיש פאַר זיי, און מען האָט אים אַזוי אָנגעבלאָזן — אינטעליגענטיש אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — אַ פאָלקס דיכטער.. פאַר די מאַסן....

אַפילו צו אונדזער גרויסן שלום עליכם האָט אַ גרויסער טייל פון אונדזער אינטעליגענץ — נישט די קינסטלער — אין יענע יאָרן זיך באַצויגן אַ שפּאַר ביסל סנאָביש : מען האָט טאַקע פון אים הנאה געהאַט, געפּאַטשט זיך פון געלעכטער, לייענדיק אים... אָבער מען קען דאָך אים אַזוי לייכט פאַרשטיין. אַלע אַפילו ווייבער און בעלי מלאכות קענען אים פאַרשטיין.. און אַ געוויסער



פאַרט אינטעליגענטן ווי איר ווייסט האַלטן נור פון שרייבער וואָס זיינען איינגעוויקלט און פאַרפּלאָנטערט אין פאַרשיידענע פּראָבלעמען, פון וועלכע זיי קענען זיך אַליין נישט אַרויספּלאָנטערן....

און רייזען, ווי שלום עליכם, זיינען פון אונדזערע פשוטסטע און איינפאַכסטע קינסטלער איבער וועלכע מען דאַרף זיך נישט ברעכן די קעפּ און קנייטשן די שטערן....

---

ב.

אַברהם רייזען, ווי ס'איז אַלעמען אַקאַנט, איז איינער פון די בויער פון אונדזער ליטעראַטור. ער איז געווען איינער פון די פּראָמינענטע פיגורן אויף דער היסטאָרישער יידישער קולטור קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ (אין 1908); און ער איז אפשר דער ליידנשאַפטלעכסטער קנאי פאַר אונדזער פאָלקס־שפּראַך און ליטעראַטור. (ניט קוקנדיק דערויף וואָס אַזעלכע באַרימטע העבּרעאישע דיכטער און שריפטשטעלער ווי ביאַליק, ברענער און שאָפמאַן האָבן רייזענען אויך ליב געהאַט.

רייזען איז אפשר געווען דער אויסגעשפּראָכנסטער „יידישיסט“ צווישן אונדזערע קלאַסיקער. און ער איז עס נאָך עד היום, גלויב איך.

איינמאָל האָט ער צו מיר כאַראַקטעריסטיש אַ זאָג געטון :

„זיי, די העבּראַיסטן, האָבן אחד העם'ען, און מיר האָבן דעם פילאָזאָף ד"ר זשיטלאָווסקי“. (ער האָט מיר געהאַלטן פאַר אַ שטיקל ציוניסט — און נישט ער. און נישט אַש זיינען עס דעמאָלט געווען, זיי זיינען אין יענע יאָרן געשטאַנען נעענטער צום „בונד“).

רייזען האָט שטענדיק אייפערזיג געהיט דעם כבוד פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור און אירע גרויסע שרייבער. נישט אַריינרעכענדיק זיך „באַוואַוסטזיניג“ צווישן זיי.

איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ רוגזא אַברהם רייזען איז אויפגעשפּרונגען, ווען ד"ר ווייצמאַן האָט אויף אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג אין פּאַריז (ס'איז נאָך געווען פאַר דער באַלפור דעקלעראַציע און ווייצמאַן איז נאָך געווען אַ סך יונגער) „נישט אַזוי בכבודיק“ געענטפערט אויף שלום אַש'ס אַ באַמערקונג :

„איר ווייסט וועמען איר באַליידיקט, האָט אַברהם רייזען געשריגן צווישן עולם, דעם גרויסן יידישן שרייבער שלום אַש..!“

און טאַקע אויך דערפאַר ווייל רייזען האָט שטענדיק געוואַכט איבערן כבוד און וואוקס פון אונדזער יונגער יידישער ליטעראַטור, און האָט זיך געפרייט מיט יעדן צוגעקומענעם נייעם טאַלאַנט, נייעם שרייבער, האָט ער אַזוי פיל זשורנאַלן אַרויסגעגעבן, און שטענדיק געפּלאַנעוועט אַ נייעם זשורנאַל.

קיינער פון אונדזערע גרויסע דיכטער האָט, דאַכט זיך, אַזוי פיל זשור־

נאַלן נישט אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט ווי אַבּרהם רייזען.. און אים איז דאַכט זיך אויך גרינגער געווען ווי עמיצן אַנדערש, ווייל איבעראַל וואוהין ער איז געקומען — קראָקע, בערלין, צו פּאַריז, פלעגט ער געפינען, אָדער — פלעגן אים געפינען זיינע פאַרערער — געוועזענע אָדער אַלטע בונדאַוועצעס, וועלכע האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, גאַנץ פאַרמעגלעך געוואָרן, און זיינען גרייט געווען פונדעווען רייזענס אַ זשורנאַל.. רייזען האָט שטענדיק געקענט קריגן עטלעכע מיעצענאַטן פאַר אַ זשורנאַל.. אַ צענערל, אַ פינף און צוואַנציג פראַנק האָט רייזען שטענדיק געקענט קריגן.. (אַש האָט שוין דעמאָלט געהאַט צוטון מיט גרויסע נגידים — מיט די קליינע האָט אים שוין דאַן נישט געפּאַסט)..

נו, ווי אַזוי נור רייזען איז געקומען קיין פּאַריז האָט ער אָנגעהויבן פּלאַנעווען אַ זשורנאַל, און דוקא אַ וואָכנבלאַט — און אַ זשורנאַל, אַ וואָכנ־בלאַט איז געוואָרן. און אונטערצושיידן פון זיינע פריערדיקע זשורנאַלן האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן „דער נייער זשורנאַל". וואָס אייניקע פון אייך האָבן אים מסתמא אַמאָל געזען און געלייענט. איך האָב אים דאַן באַקאַנט מיטן דאַן יונגען פעהיקן קינסטלער טשאַיקאָוו, וועלכער איז איצט שוין יאָרן לאַנג אַ קונסט פּראָפעסאָר אין רוסלאַנד. און דער טשאַיקאָוו האָט געמאַכט דעם שענעם שער בלאַט פאַר זיין זשורנאַל....

איך וועל אפשר אַמאָל ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, איבערגעבן מער כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן אין שייכות מיט רייזענס זשורנאַל אין פּאַריז אגב, דערציילט ער אַליין וועגן דעם פּעריאָד אין זיינע אינטערעסאַנטע כאַראַק־טעריסטישע „עפּיזאָדן פון מיין לעבן"....

אָבער נאָך איין זער כאַראַקטעריסטישן רייזען־עפּיזאָד וויל איך איצט איבערגעבן — ווי אַזוי איך און אַש האָבן געמאַכט אַ סטרייקט ביי רייזענען דעם רעדאַקטאָר. אַש האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגעפירט מיטן סטרייק:

וואָס איז די מעשה? פאַר וואָס אַ סטרייק ביי רייזענען? וועל איך אייך אויסזאָגן אַ סוד: רייזען האָט נישט ליב געהאַט צו צאָלן האָנאָראַר....

וועט איר זיך וואונדערן „סטייטש רייזען? ווי קען עס זיין? — וועל איך אייך דעם ענין דערקלערן: רייזען האָט נישט ליב געהאַט צו צאָלן דעם האָנאָראַר זיינע נאָענטע פּאַריזער מיטאַרבעטער, ווייל ער האָט בעסער גע־וואָלט מיט זיי פאַרברענגען.. איר פאַרשטייט אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט אַז ווי באַלד ער וועט אונדז באַצאָלן דעם האָנאָראַר וואָס אונדז קומט, וועט יעדער פון אונדז אַוועקגיין און אים איבערלאָזן אַליין, פלעגט ער אונדז בעסער איינלאָדן מיט אים אַביסל פאַרברענגען.. אויפן מאָנמאַרטר, צו וואו.. און אין סך הכל פלעגט אים קאָסטן פיל מער ווי ס'האָט אונדז געקומט.. — איך געדענק שוין נישט גענוי ווער ס'האָט ג ע וו א ו נ ע ן און ווער ס'האָט פ א ר ש פּ י ל ט דעם סטרייק אין „גענזן־פּיסלעך"....

רייזען אונדזער פיינער דיכטער פונם גרויען וואָכעדיקן אומעט און צער און איינזאַמקייט — איר קענט זיינע פּראַכטפולע לידער פון־איינזאַמקייט



און אומעט האָט נישט ליב געהאַט צו בלייבן אַליין אינם פרייליכן פּאַריז.

אַש האָט געהאַט אַ פרוי מיט דריי קליינע קינדער; איך בין געווען נאָך יונג; און רייזען איז דאַן געווען דאָס וואָס ווערט אָנגערופן אַ עלטערער בחור — ער פלעגט זיך אָפט גאָלן צוויי מאָל אַ טאָג......

---

איך וואָלט נאָך געקענט אַסך אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן איבערגעבן וועגן רייזענען אין פּאַריז אין די לעצטע פאַר יאָר דער ערשטער וועלט־מלחמה. גוטע יאָרן זיינען דאָס געווען, קען מען זאָגן: די יונגע יידישע ליטעראַטור איז נאָך געווען אין אירע בליענדיקע יאָרן — די גרעסטע פון אונדזערע קלאַסיקער — מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם, האָבן נאָך געלעבט.. און דאָס איינציקע וואָס האָט דאַן אויפגערודערט דעם יידישן דעת הקהל איז געווען דער.. ביילים פּראָצעס....

זיסע־ביטערע יאָרן זיינען עס דאַן געווען — קען מען זאָגן..

און איך וועל אודאי קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי רייזען האָט איינמאָל אין אַן אָוונט, ביי אַ קאַפע־טישל אויף אַ פּאַריזער בולוואַר געזונגען פאַר מיר זיין „מאַי קאַ משמע לן דער זינגער" און אַ פּאָר פון זיינע אַנדערע פּראַכט־פולע לידער. וואָס דאָס פאָלק האָט שוין געזונגען.. מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און בענקשאַפט נאָך די בעסערע צייטן, ווען „די בייזע ווינטן וועלן שוין אויפהערן צו הוליען"....

איך וועל שטענדיק מיט גרויס דאַנקבאַרקייט געדענקען רייזענס זינגען... נישט דערפאַר ווייל רייזען קען חלילה זינגען און האָט אַ שטימע פון אַ זינגער.

אַסך פון אייך קענען אפשר רייזענס שטימע — אַ הייזעריקלעכע, פּשוטע מענטשלעכע שטימע. איך האָב אַמאָל אין אַ אָפּהאַנדלונג וועגן רייזענען גע־שריבן אַז רייזען איז אפשר דער איינציקער צווישן אונדזערע דיכטער, וואָס שרייבט מיט זיין אייגענער, נאַטירלעכער שטימע: ס'רוב דיכטער און שריפט־שטעלער זיינען ווי די אַקטיאָרן, וואָס בייטן זייערע שטימען מיט די ראָלען וואָס זיי שפּילן.. און זייערע קינסטלערישע, געשולטע שטימען זיינען גאָרניט ענלעך צו זייערע שטימען וואָס זיי נוצן אין דער היים, אונטער פיר אויגן..

אייניקע דיכטער ווען זיי זעצן זיך אַוועק ביי זייערע שרייב־טישן שטעלן אָן אַזעלכע באַסאָווע־נביאישע אָדער רעוואָלוציאָנערע שטימען; אַנדערע שטעלן אָן זייערע זיסע טענאָר שטימען.. און אַמאָל שפּילנדיקע, פאַרביקע פאַלצעטאָס.. אַט ווי זיי דאַרפן פאַר זייערע טעמעס, אָדער פאַר די ראָלן און פּאָזיציעס וואָס זיי פאַרנעמען אין דער ליטעראַטור....

און רייזען שרייבט, דאַכט זיך, שטענדיק מיט זיין אייגענער נאַטירלע־כער שטימע, מיט דער אייגענער שטימע מיט וועלכער ער רעדט צו אייך אין גאַס און אין דער היים.. רייזן בייט נישט זיין שטימע, ער קען נישט ווען ער זאָל עס אפילו וועלן און פּרובן.. רייזענס שטימע איז נישט „קיין אָנגעשטעלטע כלי" ווי דער „זינגער" אין זיין באַריםטער פּאָעמע.

רייזען האָט פיינט פּאָזע און קען נישט פּאָזירן.. רייזען האָט בטבע פיינט „העראָאישקייט“ און ער האָט אפילו נישט געקענט ווערן דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער פּאָעט, וואָס מען האָט פון אים געוואָלט מאַכן.... איר געדענקט זיין טריאומפאַלע רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד.. (מיר האָט ער אין ניו־יאָרק געזאָגט אַז „אפילו גאָרקי איז אויף אים אייפערזיכטיק געווען אַזוי גראַנדיעז האָט מען אים איבעראַל אויפגענומען אין רוסלאַנד“)

אָבער רייזען קען נישט פּאָזירן, קען נישט מאַכן קיין גרויסע אָנשטעלן: רייזענס שטימע בייט זיך נישט — אָט די שטילע, גרויע, מענטשלעכע שטימע וועלכע איז צו אונדז געקומען פון דער אָרימער־יידישער ליטע מיט אירע גרויע הימלען און פעלדער.... און אין דעם באַשטייט רייזענס פּאָעטישער כוח, און די איינציקע פּאָזיציע, וואָס ער פאַרנעמט אין דער יידישער דיכטונג....

און דערפאַר טאַקע האָט רייזען אנגעשריבן אפשר די פּאָר בעסטע און לירישסטע לידער אין דער נייער יידישער און אפשר אויך העברעאישער ליטעראַטור — און דאָס איז אַזוי פיל....

אין די העכסטע פון רייזענס לידער — און מען האָט זיי געדאַרפט אין אַ באַזונדער קליין ביכעלע ארויסגעבן — קענט איר קיין שורה, קיין וואָרט, און אודאי קיין גראַם נישט איבערבייטן.... און זיי זיינען אַזוי פשוט ממש ווי גערעדט מיט אַן ערלעכער מענטשלעכער שטימע.. און זיין שפּראַך איז ווייכער ווי דער „אָרימער מאַמעס קישן אין וועלכער מען באַהאַלט דאָס פּנים און מען וויינט“ אין די טרויעריגסטע און ריינסטע מינוטן וואָס מאַכן זיך אין אַ מענטשנס לעבן....

אונטער די בעסטע פון רייזענס לידער וואָלט זיך מיט פאַרגעניגן אונטערגעשריבן דער גרויסער סובטילער און מוזיקאַלישער ליריקער — ווערלען..

„גרוי, האָט דער באַריכטער פראַנצויזישער מאָלער סעזאַן, געשריבן אין אַ בריוו צו פּיסאַראָן, איז די גרונד־פאַרב אין דער נאַטור, און ס'איז אַזוי אונגעהויער שווער צו מאָלען גרוי“.. אברהם רייזען איז אונדזער גרויסער מייסטער און דיכטער פון גרויע טענער און פאַרבן. דאָס גרויע, דאָס וואָכנדיקע איז אונגעהויער שווערער צו באַזינגען ווי דאָס יום טובדיקע, פאַרביקע און העראָאישע..

און אברהם רייזען איז איינער פון די וועלטענע דיכטער און מאָלער פון דער גרוי, וואָס איז די גרונד־פאַרב פון נאַטור און מענטשלעך לעבן..

און ער וועט אין אונדזער דיכטונג לעבן אַזוי לאַנג ווי אונדזער ליטעראַטור וועט לעבן.



א. נ. שטענצל

## חמשה עשר בשבט — ראש השנה לאלנות

### שנייענדיקע אלייען

מיידלעך נאָך אַן אויסגעשטאַנענער קרענק,
מיט אויסגעקראַכענע נאַלע קעפּ,
זיי שטייען אויסגעלאָשענע בלאַסע,
ציפּוסנם די צעפלאָכטענע צעפּ.

אָט אַ וועלן זיי אַלע אינאיינעם
אויפפּלאַצן אין אַ יאָמער געבליפּ —
דורך איינגעפאַלענע דאַרער ברוסט
באַוועגן מ'זעט שוין יעטווידע ריפּ.

די אויערן וואָס שטאַרטשען שרעקלעך ארויס,
מיט סענקעוואַטן מאַרנעם געדריי,
פלינק צו פאַרדעקן, פאַרשפּילעווען זיי,
אין הייבלעך — פריש־געפאַלענעם שניי.

עלעהיי ווייבלעך וואָס גייען אין שול,
זיך אויסצוויינען אַ גוטן יאָר,
און כאַפּן וואָס נישט איז איבער די קעפּ,
צו פאַרדעקן אַ נאַלן קאָפּ האָר.

יאָ, זיי גייען טאַקע אין שול אריין,
טויטע מזכיר נשמות צו זיין — — —
זעען זיי נישט אויס פאַריתומט אַזוי,
אויף גאָרער וועלט געבליבן אליין?

### אין וואלד

ביז איבער די קנעכל אין ווייסע קיטלען,
שטייען זיי אין שטילן געבעט;
די טליתים איבער די קעפּ געוואָרפן,
קלאַפּט ביחידות יעדער זיך על חטא.

ארויפגעגאַנגען צו „פּתיחה“, שטאָלץ און שטייף,
שטייט אַ סאָסנע אויף ארון־קודש טרעפּ;
געפאַלן אינמיטן „אנחנו כורעים“,
ליגן די קוּשאַקעס מיט געבויקטע קעפּ.

שטיל און טונקל און פול מיט גרויע שאָטנס.
אויף ווייכע זאַקן גייט אַרום דער טויט;
אין פאַרהאַנגענעם הימל די טונקלע זון —
„נר תמיד" מיט אַריינגעדרייטער קנויט.

און ווען די וואָראָנעס פליען יאָמערלעך אָן,
מיט זייער ווילדן „קרע שטן"-געשריי:
קראַ-קראַ, קראַ-קראַ! ווערט דער הימל צעריסן
פון אַ ווילדן זאַווערוכע געדריי — — —

פון אָפענעם ארון די ספרי-תורות,
מיט „כתר"-גאָלדענעם גלעקל-געקלאַנג,
ווערן אַרום „שולחן" אַרומגעטראָגן,
מיט שטורעמדיקן „שמע ישראל"-גאַנג.

## ברענענדיקער וואַלד

זיינען מיר דען נישט קיין צעווישטער וואַלד געווען,
מיט זינגנדיקע קרוינען צו הימלען געווענדט,
מיט זשיוויציע שטאַמען פעסטע פאַרוואָרצלטע?
מ'האָט דאָך אונז ווי ביימער אויסגעהאַקט און פאַרברענט!

אין שייטער העלצער צו שפּאַלטן און צו פּערטלען,
אָן אונטערגעהאַקטן אַ געפאַלענעם שטאַם,
האָט שאַרפע האַק הויך זיך געהויבן איבער אונז,
און גלידער-ווייז מ'האָט געוואָרפן אונז אין פלאַם.

האָט זיך נישט ישעיה באַהאַלטן אין אַ בוים,
און ביים לעבעדיקן לייב מען האָט אים צעזעגט?
אַ נביאים מחנה זיינען מיר געווען,
ווען אין ווינד דער וואַלד האָט זיך סודותדיק באַוועגט. —

די געזאַנגען פון די פייגל אין די קרוינען,
און צופוסנס אין גראָז די זעגנדיקע גריל!
און ערשט פאַר אַ ווילדן אַ צעבליצטן שטורעם,
ווען געשטאַנען ר'איז דער וואַלד תפילהדיק שטיל — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —



אַ, אַז זייט פון יענעם אונטערזעגן רעם שטאַם,
עס הערט נישט אויף צו זענען די גריל אינעם גראָז,
וועט דאָך אין וויסטעניש נאָכן פאַרברענטן וואַלד,
שלאַנגען געפיקע זיין פון ווינד יעטווידער בלאָז.

## געבעט פון אַלטן בוים

אויף מיין אויסגעהוילטן לייב מיין לעצטער צווייג,
אַ בן זקנים אויף קרומען אַקסל שוין,
אין פינקלדיק שטאַלץ אויף קאָפּ וועט ער טראָגן
די פרילינג זון ווי אַ גין-גאָלדענע קרוין.

אַלע פייגל וועלן פון זינען אַראָפּ,
פון גרויס באַוואונדערונג צו מיין לעצטן שפּראָץ!
ווי ער וועט זיך דאָס ווינן, קעניגלעך אַזוי,
אויף מיין אַלטן אַקסל אַלעמען צום טראָץ.

די טעג וועלן פולע זיין מיט געזאַנגען —
כוואַליעדיקע פרייד איבערנייען אַ ברעג!
און אין די נעכט וועט אַ סאָווע באַוואַכן
מיין אַלט האַרץ, אויסגעייענדיק פון שרעק.

זי וועט זיצן מיט האַלב-פאַרמאַכטן אייגל,
אין מיין אויסגעהוילטן אויסגעפוילטן שטאַם,
אָן אָנגעפלויגענע אינמיטן דער נאַכט,
זיך וואַרעמען ביים אויסגייענדיקן פלאַם —

יאָ, ווי אויסטערליש אויפפלאַמען איך וועל דאָס,
מיט אַ לעצט-צעפוילטן פראַכטע שטויבל נאָך:
אַז פאַר אויפגייענדיקן וואונדערלעכן שפּראָץ,
דער טיף פאַרוואָרצלטע שטאַם איך בין דאָס דאָך — — — —

## „באַמשאַסער" (פאַר מיין ברודערס אייניקלעך אין תל אביב)

ווי איבער מיין אַכציק יאָריקער מאַמען,
אינדערהיים אונטער דער גערטנער-מויער.
מיין האַרץ עס האָט אויפגעציטערט כסדר,
צווישן שטאָלץ און געוואַלטיקן טרויער.

אזוי ציטערט מיין הארץ איצט יעדע רגע,
איבער דעם וואס ס'געשעט אינם ישוב.
איבער דער שטאלצער כותל־מערבי־וואנט,
מיט איר אכציק דורותדיקן בישוף —

גייען מיין מאמעס אוראייניקלעך איצט הארט,
צווינגלעך אין היילִיקער ערד פערפלאנצן ?
אדער די גרוי מיט מאך באוואקסענע וואנט,
מיט איר שורש אויסרייסן אינגאנצן ?

א, וואס ווייס איך פון שטאלץ און פון פערפלאנצן,
אז מיין הארץ צאפלט אין שרעקלעכן טרויער !
מיין גרויל־געבויגענער שווערער קאפ — א שטיין,
ארויסגעפאלן פון געטא־מויער.

## דוב ווארשאווסקי

# דאס געוויין פון א קינד...

(דערציילונג)

א גאנצן פארמיטאג, האט ראווידזאן ארומגעפארעט אין שטוב און געווארטשעט ווי א הון מיט אונטערגעהאקטע פליגלען. ער האט געשפירט א דריקעניש אין קאפ און א בלייענע שווערקייט אין אלע אברים. ער קען זיך קיין ארט נישט געפינען. ער קוקט אלע מאל אויפן זייגער, אבער עפעס קריכן היינט די ווייזערס פון זיין זייגער, ווי די פליגן איינגעטונקט אין האניג... ראווידזאן זוכט עפעס מיט וואס צו פארטושן זיין אומגעדולדיקייט און צו האמעווען דעם גאלאפ פון זיינע צעפורעטע געדאנקען. ער נעמט דעם צייטונג און ווארפט זיך אריין אין פאטעל ; ער שטרענגט זיך אן צו לייענען, אבער ער איז נישט משיג קיין ווארט וואס ער לייענט. ראווידזאן לאזט ארויס די צייטונג פון האנט און גיט זיך האסטיג א ריס פון ארט. ער שפאצירט ווידער ארום אין צימער, קנייטשט מיט זיינע פינגער דעם באן־בילעט אין קעשענע, אבער דאפטום גיט ער זיך א שטעל אפ און פארטראכט זיך : אלץ איז שוין גרייט און פארפאקט צו זיין רייזע ; צום אפגיין פון צוג איז נאך דא א שיינע גוטע פאר שעה. ער וועט דערווייל צוויין אין ערגעץ. — ער כאפט דעם פאלטן און לויפט ארויס פון שטוב....

אנקומענדיק צו א גרויס־הויז, וואס איז געשטאנען אין מיטן פעלד פארשווארצט און איינגעהילט אין א געפלדיקן שלייער, האט ראווידזאן ערפארן.



אז ער איז נישט דער ערשטער. עס זיינען נאך דא פריערע פאר אים. נישט באמערקטערהייד האט זיך ראווידזאן אוועקגעשטעלט אין א ווינקל צו ווארטן אויף זיין ריי....

— אייער נאמען ביטע ? — האט אפגעקלונגען מאנאטאן אין פוסטן חלל פון קאלטן געפלדיקן טאג, דעם פלעגמאטישן „פארטיערס" שטימע. אבער נאך איידער ער האט באוויזן צו פארצייכענען דעם נאמען פון נייעם וויזיטער, איז שוין ראווידזאן געפלויגן, ווי א וויכער, איבער די שטיינערנע טרעפ פון דעם דריי־שטאקיגן בנין. אויפן שוועל פון אריינגאנג איז ער מיט א צוריקגעהאלטענקייט און א פארסאפעטער געבליבן שטיין און מיט אן אומגעדולדיקן געדוועזן בליק געזוכט ווע מען....

א לענגערע ווײַלע איז ראווידזאנס אונזיכערער און יאגנדיקער בליק געוואנדערט פון איין געגנשטאנד צום צווייטן, פון איין פנים צום צווייטן און כמעט ווי גארנישט געזען. ענדלעך האבן זיך זיינע אויגן אפגעשטעלט אויף איין פונקט און האבן מיט אפארשנדיקן, שמייכלנדיקן אויסדרוק גערופן...

פון דעם לאנגן נידריקן טיש, וועלכער איז געווען באזעצט ארום מיט קליינע קינדערלעך, האט א צוויי יאריק יינגעלע אויסגעדרייט זיין שיין געלאקט קעפעלע און געווארפן א מאטן קוק אויף ראווידזאנען מיט אזא קאלטקייט, ריכטיק, ווי ער וואלט אים גארנישט באמערקט, און האט זיך צוריק גענומען צו זיין שיסעלע עסן...

דעם נייעם וויזיטאר האט דערלאנגט א פיק אין הארץ ; דאכט זיך, אז דאס איז זיין משהלע ? — עפעס אן אנדער קינד געווארן. זיינע לעבעדיקע אויגעלעך, וועלכע האבן שטענדיק געהאט א שפיציק־לאכענדיקן, שווארצן גלאנץ, זענען אים יעצט עפעס אזוי מאט־פלאך, פארגליווערט און קוקן מיט א לאז־מיך־גענמאך און פארבענקטן בליק...

— משהלע, זע דער טאטע איז געקומען, גיב א קוק צו מיר — רעדט ראווידזאן מיט א ציטערדיקן טאן...

משהלע שווייגט, ענטפערט נישט. ער גריבלט מיט זיינע פינגערלעך אין טעלערל, ברעכט אפ שטיקעלעך ברויט מיט פוטער פון זיין מוציא און לייגט, ווי אן אויטאמאטל, אין זיין קליין מייללעכל אריין, מיט אזא פלינקייט, ריכטיק, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז איטיצער וויל דאס פון אים צונעמען...

— משהלע, ענטפער דעם טאטן, פארוואס רעדסטו נישט ? זאג, ווער איז געקומען, טאטע ? — העלפט אונטער די אויפזעהערין פון קינדער־אנשטאלט...

— מאמע, — ענטפערט משהלע שטילענקערהייט, נישט אויפהויבנדיק אפילו זיינע אויגעלעך, און גריבלט ווייטער מיט זיינע פינגערלעך אין שיסעלע, קלייבט אויף יעדע ברעקעלע און לייגט עס אין מייללכל אריין...

מיט א דערשלאגענעם געמיט לאזט אפ ראווידזאן פון מישקלען און הויבט זיך אן ארומקוקן איבערן צימער. איצט זעט ער דייטלעכער, וואס ארום אים

טוט זיך. ער באטראכט די פנימלעך פון אלע קינדערלעך; אלע זיינען געקליידעט אין איין מוסטער; ראזע סוועטערלעך און שארע הויזעלעך. און ווען נישט דער פארשיידנארטיקער קאליר פון זייערע הערעלעך וואלט געווען שווער צו אונטערשיידן איינער פון דער אנדערער. די קליינע טישעלעך מיט די קליינע שטולעלעך צעשטעלט אין צימער מאכט דעם איינדרוק ווי א קליינע מלוכהלע פון די לעגענדארע ליליפוטעלעך... אלץ איז דא פיין אויפגערוימט און אויסגעשטעלט און עס טראגט זיך א ליבעווארעמקייט פון ווינקעלע צו ווינקעלע. פיל קינדער, טראכט ראווידזאן, וואלטן זיך געוואונטשן צו האבן אזא היים...

ראווידזאן נעמט ארויס א שטיקעלע טשאקאלאד פון קעשענע און לייגט עס אריין אין משהלעס טעלערל. אויף משהלעס פנימל לויפט א דורך א פריילעכער שטראל וואס באשיינט זיין גאנצן פנימל. — א, „טשאק" — גיט משהלע א געשריי און פארשלינגט עס מאמענטאל... „רעדי" — בעט זיך א אנדער קינד און רוקט אונטער ראווידזאנען איר טעלערל, אויך זי באקומט איר חלק און פרייט זיך...

משהלע הויבט אן קומען צו זיך: זיינע אויגעלעך ווערן לעבעדיקער, זיין קערפערל ווערט מער באוועגלעכער און ער פאלט אריין דעם טאטן אין די ארעמס... יעצט שפירט ער זיך פיל זיכערער און באקוועמער און קוקט אראפ מיט א נצחון פרייד צו די איבעריקע קינדערלעך....

משהלעס מוחיל ארבעט שווער, מען דערקענט אן אים. ווי ער זוכט און מאטערט זיך צו געפינען ווערטער; ער וואלט וועלן עפעס דערציילן, פרעגן, פארוואס מען האלט אים דא אליין; אויסדריקן זיין פרייד מיטן טאטנס באזוך... ער האט אסך צו דערציילן, אבער וואו נעמט מען ווערטער...?

— „ניים" (שיין), — זאגט ענדלעך משהלע ארויס, און טראגט צו זיין רעכטע הענטעלע צום טאטנס אויגן....

ראווידזאן נעמט אן משהלעס הענטעלע און באטראכט איר מיט א גרויס זארגפעליקייט; יא, ער געדענקט דער קליינער, ווי ער האט געהאט א וואונד אויפן הענטעלע און מען האט זיך פארנומען מיט איר, געשמירט און באנדאזשירט... ראווידזאן לייגט צו דאס הענטעלע צו זיינע ליפן... משהלעס אויגעלעך פינקלען און זיין הערצל גייט איבער פון פרייד... ווער נאך קען אים אזוי פארשטיין און פילן ווי אן איינענער טאטע און מאמע...? אלץ איז שוין יעצט פארהיילט און גוט....

— א „באס"! א „באס"! — גיט זיך משהלע א צאפל פון פרייד אין ראווידזאנס ארעמס, דערזעענדיק דעם אויטאבוס דורך דעם פענצטער...

— יא, א באס, א באס, — מורמלט נאך ראווידזאן...

— א „באס"! — שרייט ווידער משהלע מיט אלע כוחות און נעמט אן דעם טאטנס קאפ און שפארט איר מיט זיינע הענטעלעך צום פענצטער, ווי ער וואלט אים געוואלט געבן צו פארשטיין זיינע געדאנקען אין געציילטע קינדערשע ווערטער...



— יא, מיין קינד, א באס — זאגט נאך ראווידזאן און זיפצט אפ שווער. ער פארשטייט גוט דעם קינדס שפראך און פארלאנג... מיטן זעלבן אויטאבוס, געדיינקט משהלע, האט אים די מאמע געבראכט אהער מיט א פאר וואכן צוריק. משהלע וויל צוריקפארן אהיים מיטן אויטאבוס... יא, ער וואלט דאס קינד זיכער גענומען אהיים, אבער ווי קען ער?... — מוזטווארטן משהלע א פאר וואכן... די מאמע וועט קומען און וועט דיר נעמען אויפן „באס" צוריק אהיים... אהיים...

— „רעדי", — הערט ראווידזאן ארויף פון הינטן. ער דרייט אוים זיין קאפ — פאר אים שטייט א קליין מיידעלע מיט אויסגעצוויגענע הענטעלעך און בעטנדיקע אויגעלעך... ראווידזאן קוקט מיט א צעטראגנקייט און פארלוירנקייט אויפן קינד און ווייסט נישט וואס צו טון... דאס מיידעלע איז דערווייל אוועק ווייטער צו זוכן איר „רעדי"...

— פיל עלטערן זיינען נאך קיין איינמאל נישט געווען צו זען זייערע קינדער זינט זיי זיינען געקומען אהער... — העלפט אים ארויס די „שוועסטער" פון זיין אומבאהאלפנקייט...

— המ... — הויבט ראווידזאן מיט זיינע אקסלען — האבן זיי גאר נישט קיין פאטערלעכע און מוטערלעכע געפילן? — זעצט ער פאר...

— זיי דארפן נישט קיין קינדער...

ראווידזאנס בליק פאלט אויף א קליין בלאנד יינגעלע, וועלכער הערט נישט אויף צו וויינען; אויף א מינוט פארטראכט ער זיך, פארקוקט זיך אויפן פייער און שיסט אוים ווידער מיט א געוויין, שפאצירט ארום איבערן צימער, קוקט אלעמען אן און כליפעט, ווי עס וואלט געווען זיין שטענדיקע פארווײלונג...

— יענער פארמאכט קיינמאל נישט זיין מויל א חוץ ווען ער עסט און שלאפט — חאפט אונטער די „נערס" זיין נישט געפרעגטע שאלה, מיר האבן שוין אלעם פרובירט און עס העלפט נישט... ער וויינט, ער ביינקט אהיים....

פוילע, עגאאיסטישע מענטשן, טראכט ראווידזאן, טארן קיין קינדער נישט האבן...

...און וואס איז מכוח יענע טויזנטער אומגליקלעכע יידישע יתומים, ל"ע, זיי וועלן שוין קיינמאל נישט געפינען זייערע טאטעס און מאמעס, וואס שלעכטע מענטשן האבן זייערע טייערסטע פון זיי אפגערויבט... זיי וועלן שוין קיינמאל נישט הערן דעם צויבער ווארט: ט א ט ע, מ א מ ע... און וועלן שוין קיינמאל נישט פילן דעם טעם פון א טאטנס א גלעט און א מאמעס א קוש....

א פלוצלונגער קלונג האט דערמאנט ראווידזאנען, אז זיין וויזיט־צייט איז געענדיקט... מיט שווערקייט האט ער זיך ארויסגעפלאנטערט פון משהלעס הענטעלעך, און איז מיט וואקלדיקע לאנגזאמע טריט א ראפ פון די טרעפ... דעם גאנצן וועג צוריק, איז ראווידזאן געגאנגען באגלייט פון זיינע צע־

רוישטע חושים ווי א קאמפאנירט פון אן ארקעסטער; אין זיינע אויערן האט געקלונגען דאס געוויין פון משהלען, אין זיין הארץ האט געשפילט אן אנגע־קלאפטע, ציטערדיקע סטרונע, און זיינע ליפן האבן א תפילה געשעפטשעט:

טאטעס און מאמעס, לאזט נישט איבער אייערע קינדער אליין, עלענד מיט זייער געוויין....

נישט ווילנדיק האבן דאווידזאנס פינגער אנגעטאפט דעם באן־בילעט אין קעשענע... ער איז מיטאמאל שטיין געבליבן; זיין מוח האט אנגעהויבן ארבעטן פלינק; זיינע אויגן זיינען גרעסער און לויטערער געווארן און האבן געשפראצט מיט פייער; זיין גאנצער פנים האט זיך אויסגעצויגן און באקומען א זער ערנסטן אבער געוונטן אויסדרוק, וואס האט אפגעשפיגלט דאווידזאנס שטארקן כאראקטער... ס'איז געווען דער רעצידירענדער מאמענט... דאווידזאן האט ארויסגענומען דעם באן־בילעט און אים צעריסן אויף שטיקלעך....

די טיר פון שטוב האט זיך פאמעלעך געעפנט און דאווידזאן האט זיך שטיל, ווי בגנבה, אריינגעשלייכט אינעווייניג....

## אברהם ציקערט

## א לידעלע פאר פיינעלען

זיי א טרייסט אונז, פיינעלע,
מיט דיינע זיסע אייגעלעך
און מיט דיין זיס געלעכטערל.
געשלאגן, שווער איז אונזער נייסט,
מיר ברויכן דאך אזוי א טרייסט.
טרייסט אונז, יידיש טעכטערל.

זיי א טרייסט, א זונען־שיין,
פאר אזויפיל צער און פיין.
מיר זיינען שוואכע, מידע
אויסגעבלוטיקטע פון וועג.
זיי א טרייסט פאר שווארצע טעג,
א ברכה אויף דיינע גלידער.

זיי א טרייסט, דו מיידעלע,
פאר שרה'לען, פאר פריידעלען,
פאר וועמען נאט נאר ווייסט.
פאר יעדן זיפץ, און יעדע טרער
פון א יידיש קינד וואס לעבט נישט מער,
זיי דו פאר אונדז א טרייסט.



## גורל־ברידער

מיין הארציקע מתנה, צום אויסדרוק פון פריינטשאפט
מיין גוטן און איבערגעגעבענעם פריינט א. פאלושאק

הענגט מיין גורל א פארבענקטער
אויף א וויגנדיקער בריק,
שלאגן כוואליעס הין און קריק,
שלאגן, פליאסקען און פארשווענקען
פונקען פון מיין פריען דענקען.
בין איך, טיילמאל, „הונט אויף קייט",
וואס א כוואליע שלעפט און דרייט.

הענגט נישט אויך דיין גלויבן דארטן
אויף דער בריק געוויגט פון ווינט?
אויך פאר דיר איז גורל בלינד,
אויך דו שפילסט מיט בלינדע קארטן,
שיקזאל וואַרפט אויף פרעמדע פארטן,
דאך דו ווערסט נישט שוואכער, מידער, — — —
זיינען מיר דאך — גורל־ברידער!

איבער ים, צוויי הענט זיך שליסן
מיט א פעסטן ברידער־דרוק.
אוינן אפן, וואך און קוק!
ס'זאל קיין כוואליע נישט פארגיסן,
הענט וואס ברידערלעך זיך שליסן,
אויף דעם וועג וואס פירט צום וואר.
אויף בריק — פון יידישער קולטור.

„פרייע ארבעטער שטימע" גרופע אין לאנדאן

וועט פייערן דעם 56טן יובילעאום פון די
„פרייע ארבעטער שטימע"
מיט א טיי פארטי
זונטיק דעם 9טן פעברואר, 1947, 4 א זייגער נאכמיטאג
אין סערקל הויז, עלי סטריט, אלדגייט
טרייד יוניאנס, ארבעטער־רינג בראנטשעס און קולטור ארגאניזאציעס און איינצעלנע פערזאנען זיינען הארציק איינגעלאדן אנטייל צו נעמען אין דער פייערונג. ווענדן זיך צו:—ע. מיכאעלס 12 קרענוויטש רויד לאנדאן נ.16

## נחום שטענצעל

# וויסן מיט געוויסן
(עסיי)

די כמעט איינציקע חסידישע באוועגונג פון א פארנעם אין רוסלאנד — וועלכע שפילט איצט א גרויסע ראלע אין אמעריקע און האט א גרויסע השפעה אויף דעם יונגן אמעריקאנישן דור — די ליובאוויטשער חסידים, זיינען בעיקר באקאנט געווארן אין דער ברייטער וועלט אלס די „חבר'ניקעס", ווייל זייער פאראלע איז געווען „חב"ד", די ראשי־תיבות פון חכמה, בינה דעה.

אין דער דאזיקער פאראלע פילט זיך שוין „ארויסעט" א שריט פאראויס — וואס שייך עטיק, אינם קעגנזאץ פונם ריסטילירטן „מוסר" — פון דעם מתנגדישן גאנג און מהות פון שטעלן דעם טראפ אויף וויסן; ביי זיי, די ליובאוויטשער קומט שוין דאס אבסטראקטע „דעה" אויפן לעצטן פלאץ; דאס שטעלט שוין מיט זיך פאר אן עטישערע אפשאצונג פון גייסטיקע ווערטן, אויף ווי ווייט זיי זענען נוגע די פארשידענע ניואנסן פון וויסן.

* * *

וואס פארא קויזער־נישט האט שוין דא געמאכט דאס פוילישע חסידות, און מיט וואס פארא גלאפ איז עס געלאפן פאראויס אין דער ריכטונג פון ריינער עטישער השגה פון וויסן — אז בלויז וויסן אן־און־פאר־זיך האט קיין שום ווערט נישט; אז וויסן באקומט ערשט דעם ריכטיקן תיקון דארט ווי עס איז אויך פאראנען געוויסן! דאס וואס יידן פארשטייען אונטערן ווארט: „נאמנות".

נאמנות איז אין זיך כולל אמת מיט אמונה, און איז משמע ביידע צונעזאמען — נאר א קאמבינאציע פון ביידע שאפט א יסוד פאר א גליקליך לעבן. וויסן מיט געוויסן מוזן גיין האנט ביי האנט.

דערפאר האט דאס פוילישע חסידות נישט געלייגט דעם טראפ אויף „דעת" נאר מער אויף „נאמנות"; ווי יידישלעך־הארציק האט עס געקלונגען ווען איין ייד האט געזאגט צום צווייטן: „האב דאך א נאמנות". דאס הארץ פון א ייד האט געמוזט ווייך ווערן מיט אזא „אפיעל" צו פארשטענדעניש, וואס קען נאר ארויספליסן פון וויסן מיט געוויסן.

מיר פלעגן אינדערהיים מער רעדן פון א „יורע ספר" ווי פון אבסטראקטן „דעת" אדער דעה; טאקע דערפאר ווייל אמת האט ביי אונז געמוזט שטענדיק גיין צונעזאמען מיט אמונה!

דאס, אפשר, איז געווען דער גרויסער, און עיקרדיקער אונטערשייד פון יהדות און העלעניזם. בשעת די גריכישע פילאזאפיע האט אוועקגעשטעלט אלס דאס העכסטע דעם אמת, האט די יידישע א קיינן־געשטעלט: אמת ואמונה.



דערפאר זאגן מיר ביים דאווענען, באלד, כמעט בנשימה אחת, אמת־ואמונה כל זאת וקים — נאר מיט ביידע צונעזאמען קען די וועלט האבן א קיום.

* * *

האבן אונז דען נישט די אומות־העולם — מיט זייערע „חסידים", מ'שטיינסנעזאנט — און ספעציעל די דייטשן י"ש, לעצטנס געגעבן א לעקציע וואוהין עס פירט, דערפירט, און פארפירט בלויז וויסן אן געוויסן? וואס פארא ברכה און שפע פאר דער מענטשהייט וואלט עס געבראכט, ווען מ'וואלט נאר צוגעניצט א טראפן נאמנות צו דעם איפריק־אקומולירטן וויסן?

אנשטאט צו שפאלטן דעם אטאם אין צוויי גלייכע טיילן — אמת־ואמונה — בכדי, אפילו צושפאלטענערהייט, זאל עס נאך ווייטער קענען בלייבן א גאנצקייט. ווי אלע זאכן פון דער נאטור, טראכטן זיי נאר אים צוצושפליטערן אין טויזנטער חלקים אין אזוי ארומעט אטאמיזירן די וועלט; זיי, די אומות־העולם קענען נאך אליז נישט משיג זיין די גרויסקייט און טיפקייט פונם ביבלישן געדאנק פון „שתי לחם יבצעו תמימים"....

* * *

ס'איז באשערט געווען אן אונזעריקן א ייד פון א רבנישער משפחה, נאך ישו הנוצרי דער ערפאלגרייכסטער ייד אין דער היסטאריע פון די לעצטע 2 טויזנט יאר, דעם באגרינדער פון דער מאטעריעליסטישער „רעליגיע", קארל מארקס, צו ווארפן אין דער וועלט אריין די פאראלע פון „וויסן איז מאכט".

די דאזיקע לאזונג האט ער געווארפן צום פראלעטריאט פון דער וועלט, וואס איז געווען איינגעהילט אין א שלייער פון אומוויסנהייט; מארקס האט דעם פראלעטאריאט געוועקט און נעמאנט זיך צו באפרייען פון דעם דערדריקנדיקן עם־הארצות, וואס האט זיי יארן געהאלטן אין קייטן פון פארשקלאפונג. ער האט זיי געוויזן, אז דער וועג פון אראפווארפן ס'עבדות איז נאר מענלעך דורך דערווערבן וואס מער וויסן; און גערעכט איז ער געווען. מארקס, בלויז מיט זיין הנחה, אז „וויסן איז מאכט" א כלי־זין אינם קאמף.

אבער, מיט א כלי־זין אליין קען מען זיך אפשר באפרייען פון יענעם — אויב יענער איז נישט בכוח צו שמירן נאך א שטערקערס... אסאך שווערער איז עס זיך צו באפרייען פון זיך אליין, פונם „ויצר לב האדם"... און צו דעם קלעקט וויסן אליין נאך לאנג נישט, אויב מ'לייגט נישט צו אויך געוויסן — דאס ביסעלע יידישע נאמנות....

* * *

יא, וואס עס הייסט נאמנות האבן געוואוסט די באגרינדער און המשך־ציער פון אונזער פוילישער חסידות.

מ'דערציילט נאך פארן אלטן קאצקער ר' מענדעלע זצ"ל, אז זיצנדיק אמאל פארעמק'ט אין קהלת איז ער פלוצים שטעקן געבליבן ביים „יוסיף דעת, יוסיף מכאוב", און האט בשום אופן נישט געקענט גיין ווייטער; ער איז פשוט

װילד געװאָרן און אַנגעװאָרפן אַ פּחד אױפן עולם חסידים, װעלכע פלעגן תמיד זיך דרײען אין זײן הױף. דער קאַצקער האָט מיט אַמאָל אַנגעהױבן שרײען אױפן קול „יוסיף דעת, יוסיף מכאוב" און גענומען דעם פּסוק איבערחזרן אַ צײט לאַנג מיט זײן שאגת־ארי, מיט זײן גאַנצן כּוח. אַז זײנע לאַנגע געדיכטע ברעמען האָבן זיך אױש אױפגעשטעלט... ער האָט, משמעות, נישט געקענט משיג זײן דעם מיין פונעם פּסוק: װאָס הײסט, האָט ער געטראַכט: זאָל מען, זשע, דערפאַר בעסער נישט לערנען און װיסן? ! ס׳קאָן דאָך נישט געמאָלט זײן אַז דאָס איז שלמה המלך אױסן געװען — — —

פּלוצלונג האָבן דעם קאָצקערס אױגן אױפגעלױכטן און מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיש אַרײן האָט ער אױסגעשריגן: „װײ טוען זאָל, אָבער װיסן זאָל מען!".

יאָ, דאָ ליגט באַהאַלטן דער טיפער מיין פון דעם קהלת׳שן פּסוק: „יוסיף דעת, יוסיף מכאוב" — איבּ צונעמען מיטן דעת װאָס דער מענטש דערװערבט. דערשפּירט ער אױך די װעלכע מאָס שמערץ, דאָס װאָס יידן פאַרשטײן אונטער נאמנות, דעמאָלט האָט זיך געלױנט דאָס װיסן — אַנדערש נישט.

עס מוז זײן אמת־ואמונה — װיסן מיט געװיסן, װאָס קומט נאָר דורך גלױבן.

## ש. זאַלקין

## אַ מתנה צו אַ האַרציקן זינגער

משה עובר׳ן

אױב דאָס לעבן װעט זיך ציען.
נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר,
האָסט קײן פליגלען, קאָנסט נישט פליען.
אין די הימלען אױפן װאָר,
קאָנסט נאָר אױסשפּינען אַ חלום.
און אַ ניגון ציען שטיל,
טאָ זינג פון ברודערשאַפט און שלום,
זים מעלאָדיש מיט געפיל.

װען זײנע טענער װעלן קלינגען
אין אַ שטילינקן פאַרנאַכט.
װען די פױגעלעך ס׳זינגען:
שלאָפט געזונט אַ גוטע נאַכט!
און די מאַמעס ס׳פאַרװיגן
קלײנע קינדער מיט אַ ליד,
אַט דער האַרציק זיסער ניגון
איז דאָך דײנער ליבער ייִד.



## קיטי בראַון

## חתונה געמאַכט אַ טאָכטער...

אונזערע נײע שכנים, װעלכע האָבן זיך נישט לאַנג צוריק אַרײנגעצױגן אין אױבערשטן פלעט, זענען װער שטילע, פײנע און בכבודיקע מענטשן כּל זמן זײ שװײגן... נאָר װען זײ הױבן אָן זיך צו קריגן, מאַכן געװאַלדן און אַרױסגײן פון די כּלים, װי מען זאָגט בײ אונז ייִדן, זענען זײ שױן גאָר קײן שטילע נישט...

אַ יונג פּאָר־פאָלק זענען זײ, נישט לאַנג נאָך דער חתונה און טראָץ דעם מאַנגל אין דירות איז דאָס שױן זײער זעקסטע װױנונג.

בעסים מאַמע (דאָס יונגע װײבל הײסט בעסי), האָט מורא באַקומען, אַז איר טאָכטער זאָל חלילה נישט פאַרזיצן ביז אין גרױען עלטער, האָט זי גענומען דעם ערשטן בעסטן בחור, װאָס האָט געזאָגט „יאָ" און אױף ניך, מען זאָל איר דעם אוצר נישט אױסכאַפּן און נישט אכטנדיק הערויף װאָס ער איז נישט קײן פאַרדינער, געשטעלט אַ חופּה...

מילא, אַ חתונה האָט מען געפּראַװעט, װער צו גאָט האָפט, אױף אַלע ייִדישע טעכטער געזאָגט, װײל אַזױ האָט געפאָדערט דעם חתנס מאַמע. אױב נישט, איז זי גרײט אָפּצולאָזן דעם שידוך... און הײנטיקע צײטן, אַז אַ חתנס מאַמע זאָגט, איז טאַקע געזאָגט און נישט געפּאָנפּעט!...

פאַרשטײט זיך, אַז קײן געלט אױף אַזעלכע חתונה־הוצאות איז נישט געװען, װײל בעסים טאַטע, דער בײגל־בעקער, זיצט מער אין דער יוניע װי אין דער בעקערײ און מאַכט מער ראַמינאַס װי בײגל... אָבער װאָס טוט נישט אַ ייִדישע מאַמע, כּדי חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער און האָבן אַביסל נחת?...

האָט זי אױפגעזוכט עטלעכע רײכע לאַנדסלײט, פאַר זײ געװײנט איר שװערע מוטער־האַרץ און געבעטן אױסבאָרגן אַביסל געלט ביז נאָך דער חתונה, אין זינען האָבנדיק די צאָלרײכע געלט־פּרעזענטער, װאָס װעלן זיכער אַרײנקומען אַלס חתונה־מתנות...

די רײכע לאַנדסלײט האָבן אײנגעזען, אַז דער פּלאַן איז אַ גאַנץ פּראַקטישער, זײ װעלן דערבײ גאָרנישט פאַרלירן, העלפנדיק אַן אָרימער לאַנדספרױ חתונה־צו־מאַכן אַ טאָכטער אין, בינו לבינו, אױך פאַרדינען אַ גרױסע מצוה, האָבן זײ לאַנג נישט געטראַכט און איר אױסגעבאָרגט דאָס געלט אפילו אָן פּראָצענט...

די געבעטענע געסט אָבער האָבן אַנדערש געטראַכט. זײ האָבן אײנגעזען, אַז הײנטיקע צײטן, װען די פּראָפיטן זענען נישט אַזױ גרױס װי בשעת דער מלחמה — פון יעדע הונדערט פונט איז געװאָרן נישט מער װי בידנע נײנציק — װעט עס קאָסטן פיל ביליקער צו שיקן אַרטיקלען אַנשטאָט טשעקס; און נאָך אַ זאַך. דער טשעק זאָגט גלײך אױס װיפל ער האָט די װערט. דער אַרטיקל אָבער נישט... און אַט אַזױ האָבן זײ טאַקע געטון...

די לעצטע עטלעכע טעג פאַר דער חתונה האָט זיך די טיר בײ דער

כלה'ם עלטערן ממש נישט פאַרמאַכט; מען האָט געהאַלטן אין איין טראָגן פּעקלעך...

א טיי־סערוויז, א דינער־סערוויז, מעסער־גאָפּל, גלעזערנע וואַזעס, שפּיגלען, עלעקטרישע לאָמפּן, מעשענע לייכטער, א ראַדיאָ און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן זיך געקויפט אין קופּאָנען. צום לעצט האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה זייגערס: גרויסע, קליינע, מיטעלע; וועק־זייגערס און סתם זייגער פון אַלערליי מאַרקן און קאָלירן...

דער כלה'ם מאַמע איז עס פּשוט געגאַנגען אין לעבן. טיף אין האַרצן האָט זי די געסט קיין גוטס נישט געוואונטשן, מחמת זיי קומען איר אַפּעסן די ביינער כמעט פאַר אומזיסט... אָבער פאַרפאַלן, זי האָט געגעבן אײַנגעזען, אַז פון איר מאַנס קליינע פאַרדינסטן וועט זי מוזן אָפּצאָלן די גרויסע חובות.

די חתונה איז צוגעגאַנגען אויפן שענסטן אופן און דעם חתנס טאַטע־מאַמע האָבן מקבל נחת געווען....

אויף צומאָרגנס, ווען דאָס יונגע בעל־הביתל איז אויפגעשטאַנען, איז ער גלייך אַוועק אויף זיין „רעגולאַר דזשאָב". ער האָט אויפגעזוכט זיינע חברים, די ספּאָרטסלייט, און געבעטן, אפשר האָט ווער פון זיי א „טיפּ" פאַר א זיכערן „ווינער"... ווייל ער האָט א ווייב און מוז איר געבן פּרנסה...

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט בעסיס מאַמע חרטה באַקומען אויפן שדוך... זי האָט געהאַט איין טענה, אַז דער איידעם געפעלט איר נישט; אַז ער וויל נישט אַרבעטן, שלאָפט האַלבע טעג און קען דעריבער קיין לעבן נישט מאַכן. זי האָט זיך גענומען בעטן ביי דער טאַטער:

— בעסעלע, מיין קינד, פאָלג מיך און לאָז איבער דעם תכשיט דיינעם, דעם פוילע...צער. קום אהיים, וועסט גיין אַרבעטן און מיר העלפן אָפּצאָלן די חובות וואָס דיין חתונה האָט מיר אָנגעמאַכט.

אָבער די טאָכטער האָט דערפון אפילו נישט געוואָלט הערן. זי האָט געבעטן אַז די מאַמע זאָל זי לאָזן צורו, נישט מישן זיך אין אירע ביזנעס און מיט איר מאַן ווייסט זי שוין אַליין וואָס זי האָט צו טון...

נאָר אַזוי ווי עס זענען אַוועק נאָך עטלעכע חדשים און ער האָט נאָך אַלץ קיין אַרבעט נישט באַקומען, אפילו זיינע בעסטע פריינט, די פערדלעך, האָבן אים אויך אָנגעהויבן צו אינגאָרירן, האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע צאַנקערייען צווישן יונגן פּאָר־פאָלק...

זי האָט אָנגעהויבן שרייען אויף אים און האָבן פּרעטענזיעס; געסטראַשעט, אַז זי וועט אים פאַרלאָזן. זי וועט גיין צוריק צו איר מאַמען, אים אָנקלאָגן פאַר א גט און ער וועט זי מוזן אי באַפרייען אי „סופּאָרטן"... ווייל ער האָט מיט איר חתונה געהאַט כדת משה וישראל — א פאַקט, וואָס ער קען נישט לייקענען, ווייל איר מאַמע קען דאָס באַווייזן מיט דער כתובה, וועלכע זי טראָגט אַרום אין בוזעם...

האָט ער געשריגן נאָך העכער און באַוויזן, אַז ער האָט קיין מורא נישט פאַר איר, נישט פאַר איר מאַמען און א גט וועט ער איר געבן מיטן שענסטן



פאַרגעניגן, ווייל ער ווייסט, אַז אויב זי וועט אים באַפרייען, וועט ער א בעסערן שדוך טון, אפשר מיט א גרויסן נדן. אַזוי אַרום וועט ער קענען ווערן א „בוקי" פאַר זיך און דאַן וועט ער זיכער האָבן פּרנסה בכבוד גדול...

דאָס האָט זי נאָך מער אויפגעבראַכט. האָט זי אים גענומען זידלען. זיך אַלץ געשטאַרט נענטער צו אים און אים גענומען וואָרנען, אַז אויב ער וועט אויפהויבן א האַנט, וועט זי רופן א פּאָליסמאַן און אים לאָזן איינזעצן פאַר שלאָגן א פרוי...

האָט ער געענטפערט, אַז ער פייפט אויף איר מיטן פּאָליסמאַן. מען קען אים נישט איינזעצן אין תפיסה, ווייל ער איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט און האָט געקעמפט פאַר פרייהייט...

ווען זי האָט איינגעזען, אַז אַלע סטראַשונקעס און פּראָטעסטן וועלן נישט העלפן, האָט זי זיך גענומען באַנוצן מיט שאַרפערע מיטלען: מיט וואַרפן אים טעלער, שיסלען, וואַזעס און אַנדערע כלים, וואָס האָבן נישט אויסגעפעלט אין שטוב. אַראָנק די חתונה־פּרעזענטער.

נאָר צום מיינסטן האָט מען זיך אין אַזאַ פאַל באַנוצט מיט די זייגערס, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין אַלע ווינקלען ווי ספּעציעל פאַר דעם צוועק; מחמת זיי, די זייגערס, נעמען זיך אַן גאַנץ לייכט און וואַרפן זיך געשיקט. כאַפּט זי איינעם פון „מאַנטל־פּיעס", וואַרפט ער איר דעם וועק־זייגער. זי — א דריטן פון טיש. ער — א פערטן פון דער קאָמאָדע. די מלחמה האַלט אָן אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז זי קריגט אַן אונטערגעהאַקט אויג און ער — א צעשפּאָלטענעם קאָפּ...

שכנים ווילן דאָס נישט ליידן. קלאָגט מען זיי אָן צום לענדלאָרד, וואַרפט ער זיי אַרויס. איז זיי אָבער אַזוי מזלדיק אין דעם פּרט, אַז באַלד באַקומען זיי א נייע דירה און עס הויבן זיך ווידער אָן די אַלטע צרות...

איינמאָל האָט זיך מיר פאַרגלוסט מאַכן שלום צווישן זיי. בין איך אַרויף מיט א גוטער כוונה. נאָר אַזוי ווי איך האָב געעפנט די טיר האָב איך גלייך געכאַפּט דעם בעסטן זייגער אין פּנים אַריין...

די שטוב האָט אויסגעזען פּונקט ווי נאָך א פּאָגראָם. און זיי ביידע — ווי צוויי פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן אויפן שלאַכטפעלד. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן און בין קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.

נאָר זינט די לעצטע עטלעכע וואָכן איז, א דאַנק גאָט, געוואָרן שטיל אין הויז. דאָס לעבן האָט ביי זיי אָנגענומען אַן אַנדערע ווענדונג און זיי לעבן זיך ווי שטילע צוויי טויבן, קיין עין־הרע!

דער שטילשטאַנד נעמט זיך דערפון וואָס זיי זענען ביידע ברוגז... דעם גאַנצן טאָג זענען זיי צעשיידט. ער — ביי זיין מאַמען און זי — ביי אירער... אָבער צוועלף ביינאַכט קומען זיי דאָך אַהיים און דאָס באַווייזט, אַז טראָץ אַלע צאַנקערייען זענען זיי דאָך מאַן און ווייב, ווי גאָט האָט געבאָטן...

און לויט ווי איר מאַמע האָט מיר לעצטנס פאַרטרויט א סוד, וועט זי באַלד האָבן נחת פון איר טאָכטער און זי בעט ביי גאָט, עס זאָל זיין א מיידל, א נאָמען נאָך איר מאַמען...

דוד פראם

# מאטומבא

מאטומבא איז געקומען פון ווייטן גראַל,
ער איז געקומען דינען זיינע ווייסע באַלעבאַטים.
ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל פון טראַנסוואַל
איז געבליבן זיין רויטע, ערדישע כאַטע.

מאטומבא האָט געלאָזן דריי ווייבער
צו פאַשן אין „קראַל" זיינע קי.
זיי האָבן אַלע דריי געהאַט שוואַרצע לייבער
און גרויסע ברוסטן — אַזש באַלד ביז די קני....

און די רוקנס ביי זיי פלעגן גלאַנצן
ווי די הינטנס ביי טייערע פערד,
ווען מאַטומבאַס ווייבער פלעגן זיך אַוועקלאָזן טאַנצן
פלעגט ממש ציטערן אונטער זייערע פיאַטעס די ערד.

די בראַסלעטן, די פיס־בענד, די דראָט
פאַרוויקלט הייך ביז די קנעכלעך.
פלעגן אַוועקטראָגן איטלעכן טראָט
מיט געקלאַנג פון די שערבלעך און בלעכלעך....

און געלעכטער צעמישט מיט געוויין,
אויסטאַנצן פלעגן אין שיכּרות די ווייבער,
אוי, פלעגן דאַמלסט בלאַנקען זייערע ווייסע ציין,
און געברייט האָבן הייס זייערע נאַקעטע לייבער.

האָט טאַקע מאַטומבאַ כּערער קיינזאַך נישט געדאַרפט, נישט געוואָלט,
ער אַזוי געווען צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט שוין געהאַט,
ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיינע ווייבער שטאַרק האָלט
און שלאָפן האָט ער געקאָנט מיט זיי צו זאַט.

נאָר דאָך האָט מאַטומבאַ אייך גוט געוואוסט,
אַז זיין ליבסטע ווייב איז ביי אים סעפּולאַ,
עך, פלעגט אים רייצן איר נאַקעטע, שוואַרצע ברוסט, —
איר בויך אַזוי רונד, אַזוי שטייף — נאָך נאָר ווי אַ בתולה....



פאַר איר האָט ער גאַנצע צוועלף אָקסן
געגעבן איר טאַטן „לאַבאָלאַ".
און איצט איז ביי אים זי געוואָקסן
ווי אַ זעלטענער פערד אין סטאַראַלע....

וואָלט דאָך אַלצדינג געווען אַזוי וואויל,
ווען נישט די מנהגים פון ווייסן, —
האָט דאָ אָבער פונקט ווי אַ קויל
געדאַרפט אים אָן אומגליק צערייסן....

מאַטומבאַ האָט נישט געוואוסט דעם ווערט פון גאָלד,
גאָלד איז ביי אים געווען פונקט ווי „מילי־פאַפּ" טייער,
האָט ער שוין אָבער דריי יאָר געהאַט נישט געצאָלט
צום ווייסן האַר זיין פאַרשאָלטענעם שטייער.

איז פאַר מאַטומבאַן געבליבן נאָר איין זאַך,
איין עצה האָט ער בלויז געקאָנט געפינען:
פאַרלאָזן זיין אַלטן, היימישן דאַך
און אַוועקגיין אין שטאָט ערגעץ־וואו דינען.

אַלע דריי ווייבער האָט מאַטומבאַ געלאָזן ביי זיך אַהיים,
אוי, האָט ער זיך ביטער מיט זיי דאָן געזעגנט,
עס האָט אים אויסגעקוקט שווער און פאַריתומט דער ליים
אויף די טרוקענע, ווייטע, פאַרזשאַווערטע וועגן.

און אָט זיינען שוין באַלד דריי יאָר אַוועק
ווי ער האָט געדינט אין שטאָט זיינע ווייסע באַלעבאַטים,
לאַנגווייליק האָט ער דאָרטן געציילט זיינע טעג
און אָן אויפהער געבענקט נאָך זיין כאַטע.

אין שטאָט האָט ער פאַר זיך קיין זאַך נישט געדאַרפט, —
נאָר אָפּצאָלן וואָס גיכער דעם שטייער,
זיין „אַסעגיי" האָט ער שוין לאַנג נישט געשאַרפט,
און אין הארצן געברענט האָט אַ פייער....

דאָרט ווייט, אַהינטער דעם לידיקן בוש,
דאָרט ליגט וואו זיין כאַטע פאַרלאָזן,
ער וואָלט זיך אַצינדער אַהינצו צופוס
מיט די לייכיקע וועגן געלאָזן.

יאַ־יאַ, זיינע הייסע דריי ווייבער, ווער ווייס,
וואָס ס'טוט דאָרטן איצטער סעולא,
איר זאָל נאָר נישט טרעפֿן, חלילה, קיין בייז: —
ער'ס בעטן דעם רופא א סגולה....

און אמאָל איז געווען ער בראוו און געזונט —
א לייב האָט ער דאַן אַזש געקאָנט דאָך צערייסן,
איצט ליגט ער אזוי ווי א קרעציקער הונט
און קלייבט ברעקלעך פֿון טיש ביי דעם ווייסן....

עך, מאַטומבאַ, מאַטומבאַ, — ס'איז אוודאי נישט גוט,
דיין האַרץ איז געוואָרן קליין און פאַרצווינגן,
און ס'האָט אין די אָדערן זיינע געזאָטן זיין בלוט —
און מיט טרערן געברענט זיינע אויגן....

טאָ זאָל ער כאָטש פּלאַצן פֿון שווערן געוויין, —
ער וואָלט זיך אַליין איצט דערקוילעט....
נאָר ניין, ער וועט לויפֿן, — אַנטלויפֿן אהיים
ווי נאָר עס וועט אויפֿגיין דער מולד....

דערווייל מוז ער שטילן זיין ביטערן נאַל —
ער'ט בעטן ביים רופא א סגולה.
ווער ווייס וויפֿיל מייל ס'איז דער וועג צו זיין קראַל. —
איי. סעסולא, סעסולא....

איז מאַטומבאַ געוואָרן פאַרשרומפּן פֿון צער,
ער האָט זיך אינגאַנצן געביטן,
געדינט האָט ער ערלעך זיין ווייסן האַר,
געדינט אים געטריי און פאַרליטן.

נאָר פּשוט ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין,
פֿאַרוואָס זיין „מיסים" האָט אים געקימערט כסדר,
אָפּטמאָל ער האָט זי ביים שפּיגל אַליין
געזען אין איר צימער אָן קליידער.

דאַן פּלעגט ער אין פֿאָדערהויז ווישן דעם שטויב,
און זי — אירע האָר פּלעגט זי קעמען,
האַלב־נאַקעט און רייצנד אזוי ווי א לייב, —
זי פּלעגט זיך פֿאַר אים גאָרנישט שעמען....



און צייטנווייז פּלעגט זי אין שטייפֿן קאָרסעט
פֿאַרשנורעווען האַרט אירע ברוסטן,
דאַן פּלעגט ער אריינגיין פֿאַרבעטן דאָס בעט
נאָך ווארעם פֿון תאווה און גלוסטן....

האָט דאַן שוין מאַטומבאַ פֿון גאָרנישט געוואוסט, —
געשטאַנען פֿאַר אים איז סעסולא,
עס איז מערנישט, ווייסער געווען איר ברוסט. —
א ברוסט אזא שטייפֿע און פֿולע....

און איינמאָל אין פֿרילינג האָט ער ביי איר טיר
געוואַרט ווי א חיה פֿאַרבאָרגן,
ער האָט זיך משוגע געוואָרפֿן אויף איר
און האָט זי שיר־שיר דערוואָרגן....

אזוי, אז עס איז שוין געוואָרן צו שפּעט
צו בעטן, צו שרייען, צו רופֿן,
עס האָבן געצאַפּלט זיך דאַמאָלסט אין בעט
פֿאַרחלשט צוויי נאַקעטע גופֿים.

צוויי קערפּערס צעמישט האָבן ווייס זיך און שוואַרץ —
פֿאַרגעסן האָט ער פֿון זיין „מיסים",
און ס'האָט נאָך א צייט זיין פֿאַרבלוטיקט האַרץ
געשפּרונגען, געצוקט ווי אין נסיסות....

נישט לאַנג האָט מאַטומבאַ איצט וואַרטן געדאַרפֿט
אין פֿרילינג, וואָס האַלט נאָך אין בליען,
ער האָט זיינע שפּיזן שוין מער נישט געשאַרפֿט, —
אוועק איז ער שטיל צו דער תליה.

און קיינער האָט אים צו זיין מיתה באַגלייט,
צום ווינט נאָר ער האָט זיך געטולעט,
פֿאַרציטערט, געפֿאַלן, מאַטומבאַ איז טויט,
— איי. סעסולא, סעסולא....

י. ה. לעווי

## יידיש א שפיז אינעם רוקן פון העברעאיש!...

די לעצטע צוויי פּאַלעסטינעזער געסט — בבלי און מ. קליינמאַן, מיט וועלכע מיר האָבן געהאַט דעם כבוד זיך צענויפצוקומען און אדורכצושמועסן; האָבן אונדז ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, אַסך סודות אויסגעזאָגט איבער דעם שוין לאַנג נישט מער אַקטועלן צוויי שפּראַכיקן פּראָבלעם.....

בבלי האָט געטענהט מיט אַן אַנגעשטעלטער נאַאיוויקייט: ס'איז שוין לאַנג נישט מער פאַראַנען קיין שום אויסאַנאַנדערן.... ביידע שפּראַכן לעבן זיך בשלום ובשלוה — ווי אַ לייב מיט אַ לעמעלע. יידישע און העברעאישע שרייבער האָבן זיך ליב אַהבת נפש. אַלע ריפערענצן האָבן אויפגעהערט.. מען ווערט פּשוט נישט מיד און מען האַלט נאָר אין איין איבערזעצן יידישע ווערק אויף העברעאיש.

משה קליינמאַן ווידער, האָט געטענהט: די שפּראַכנפראַגע ביי אונדז עקזיסטירט נישט מער. ווייל זי איז פון לאַנג שוין אַ געלעזטע.... גאַנצע 2 יאָר האָט יעדער אימיגראַנט צייט צו לערנען העברעאיש און צו רעדן יידיש, און אַפילו נאָך די 2 יאָר מעג מען אויך נאָך רעדן יידיש, פאַרשטייט זיך נישט אָפיציעל.....

אַז מען האָט ביי אים געפרעגט וועגן דער יידישער פּרעסע, שול, בוך און טעאַטער־וועזן, — האָט ער געענטפערט: מען קאָן דאָך נישט פאַרלאַנגען פון אונדז אַז מיר אין פּאַלעסטינע זאָלן דאָרט אויך אַ צוויי־שפּראַכן־פּראָבלעם איינפירן.... ווייל מיר באַטראַכטן — אַ יידישע שול, טעאַטער און אַ פּרעסע וואָלטן געווען „אַ שפּיז אינעם רוקן פון העברעאיש"...

און אַז מען האָט ביי אים ווייטער געפרעגט: צי ס'דערשיינען דאָרט אויך נישט צייטונגען אין אַנדערע שפּראַכן; האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפערט: פּויליִשע, ענגלישע, רוסישע און אַפילו דייטשישע, און דווקא צוויי — איינע אַ טעגלעכע און די אַנדערע אַ וואָכנטלעכע.....

נו, — וואָס איז מכּוח יידישע?.....

די לינקע פּועלי־ציון גיבן דאָך אַרויס אַ וואָכנבלאַט — „נייַ־וועלט" און מיר איז נישט באַקאַנט אַז עס זאָל זיי ווער שטערן.....

און וואָס איז מכּוח די באָמבעס וואָס מען האָט געשליידערט אין רעדאַקציע אַריין? — שטותים. ס'ווענען באָבע מעשׂות. לא דובים ולא יער.....

איך ווייס נישט, צי האָט משה קליינמאַן צוגעמאַכט די אויגן, און געמיינט אַז אַזוי אַרום וועלן מיר אים נישט זען; אָדער האָט ער אונדז געוואָלט פאַרמאַכן די אויגן אַז ער זאָל אונדז נישט זען?... ווי עס זאָל נישט זיין, מיר קענען זיך ביידע צדדים שוין צוגוט און ווייסן אויך גענוי דעם באַשייד...

אַוודאי, מאָלענע קליינמאַן — איז די שפּראַכנפראַגע אין ארץ־ישׂראל שוין אַ געלעזטע, און נישט מער אַקטועל. מחמת ווער זאָל דען די אַנגעוויטיקטע



פראַגע ווידער אַקטועל מאַכן אפשר די אומגעקומענע אין פּוילן, אָדער די ציוניסטישע גלות ליקווידאַטאָרן, צי נאָר די דערשלאָגענע צעריבענע אימיגראַנטן וואָס קומען דאָרט אַהין? די דאָזיקע, ווערן באַלד אַזוי פאַרשיכורט פון דער „פּאַליטיש־דיינער" פּאַלעסטינעזער לופט, אַז זיי פאַרלירן סתם דאָס לשון פאַר התפּעלות, זיי ווערן אַזוי אַנגעזעטיקט פון דעם הייליקן אויר אַז זיי ברויבן איבערהויפּט שוין נישט מער צו רעדן, לערנען אָדער לייענען... דער עיקר זענען מעשׂים — און פאַר די דאָזיקע זאָרגט מען זיך שוין.....

און באמת וועמען איז דען דאָרט אַ חילוק אין וואָסער שפּראַך מען רעדט, און ווען שוין יאָ אַ חילוק, — איז דאָך טאַקע העברעאיש פאַרט עפּעס געגנטער, שענער און יידישער ווי יידיש... און מכּוח די קליינע מניעה, וואָס די אָנגעקומענע פאַרשטייען נישט קיין העברעאיש, — דאָס איז באמת נאָר אַ קלייניקייט וואָס קאָן באַזייטיקט ווערן במשך פון 2 יאָר. און סוף כּל סוף ווען אַ ייד קומט אין אַן אַנדער לאַנד אַריין, מוז ער דאָך זיך אויך צו דער פרעמדער שפּראַך צופּאַסן; און דאָרט פּאַסט ער זיך צו, צו אַן איינגענער, איז מה רעש?

אַזוי טענהן זיי די פאָלקס־פאַרזאָרגער און מאַכן זיך נישט ווייסן אַז אַן איינן לאַנד דאַרף אַלעס זיין איינן נאַנט און פאַרשטענדלעך. פון קאָפּ ביז פּיס, און דאָס וואָס איז תּל אין פרעמדע לענדער אויף יידן, טאָר נישט תּל זיין אויף זיי אינעם איינענעם לאַנד.....

ווייל אָפּן גערעדט, — פילט מען דאָך דאָס אַמתדיקע יידישקייט פון העברעאיש נאָר אין יידיש; און דאָס העברעאישקייט פון יידיש — נאָר אינעם פאַרייִדישטן העברעאיש.....

יידיש אָן העברעאיש — קאָן און טאָר קיינמאָל נישט זיין, און ניי־העברעאיש אָן יידיש, — איז דעם גרעסטן טייל פון יידן ער היום נאָך פרעמד, ווייט און קאַלט, ווי וועלכע נישט איז אַנדערע פרעמדע שפּראַך.....

און דאָס זעלביקע פרעמדע ווייטע און קאַלטע געפיל אַטנוויקלט זיך במילא אויך צו די ניי־העברעאיש רעדנדיקע.....

איך האָב שוין געהערט פאַרשיידענע טענות, מחמת וואָס נאָר העברעאיש דווקא, מוז זיין אין פּאַלעסטינע ראשית כּל: ווייל יידיש איז אַ גלות־שפּראַך. און אַלס אַזעלכע — מוז מען זי עוקר מן השורש זיין; זי דערמאָנט אָן גלות, און אַלעס וואָס דערמאָנט אָן גלות מוז צעשטערט ווערן. והשנית: איז דאָס אָריענטאַלישע קלימאַט סתם נישט צוגעפּאַסט צו דעם פרעמדן גערמאַנישן זשאַרגאָן... והשלישית, און דאָס איז דער עיקר: „ווייל יידיש איז אַ שפּיז אינעם רוקן פון העברעאיש".....

די לעצטע סיבה פאַרוואָס יידיש טאָר דאָרט נישט געהערט ווערן איז באמת אַמכאַראַקטעריסטישסטן, — ווייל אין איר ווייזט זיך אַרויס די גאַנצע שׂנאה צום „עמך". צו זיין שפּראַך, צו אַלע זיינע טיפּסטע קאַרבן וואָס אין איר ליגן פאַרבאַהאַלטן זיין פאָלקלאָר, מנהגים, צערעמאָניעס און אַלע זיינע טראַדיציעס וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט במשך פון הונדערטער יאָרן.....

עס איז פאר די גרויסע פאלקסליבהאבער נישט גענוג געווען דער פאקט אליין וואס העברעאיש ווערט פונם פאלק נישט פארשטאנען; האבן זיי נאך געמוזט אויסזוכן עפעס א ווייטע, אומבאקאנטע אויסשפראך, כדי ס׳זאל בעסער הארמאנירן צום גאנצן עסק — און טאקע די דאזיקע מיט געוואלט איינפלאנצן אין פאלעסטינע.....

אזוי ארום איז אויסגעוואקסן אן אמתדיקע מחיצה, צווישן אונדז נאציאנאלע גלות־יידן, און צווישן זיי די נאציאנאליסטישע ציוניסטן וואס פרעדיקן: „איין שפראך, איין פאלק, און איין לאנד“.....

און דאס איז שוין נישט מער קיין מחיצה, נאר טאקע אן אמתדיקע מויער, ווייל זיי זענען אונדז פרעמד, און האבן אונדז פיינט.....

טא לאמיר זיין אויפריכטיק און דעם גאנצן אמת אויסזאגן: אז אויך מיר האבן זיי נישט ליב. מחמת מען קאן דאך נישט איינעם ליב האבן, ווען יענער האט פיינט.....

סיידן נאר ליגנער, נארנים און בלינדע פחדנים, — וואס שרעקן זיך אז העברעאיש וועט זיי ניט אויפנעמען, און אין יידיש וועלן זיי לאיבוד גיין...

דאס מיינט אבער לחלוטין נישט אז מיר האבן פיינט פאלעסטינע און העברעאיש. דאס מיינט נאר מיר האבן פיינט די ציוניסטישע פאליטיק, מיט דעם העברעאיזמוס מיליטאנט... און מיט דעם דאזיקן העברעאיזמוס, קאן קיינמאל נישט קיין פשרה געמאכט ווערן. דאס מוזן איינמאל פאר אלעמאל וויסן און באגרייפן אפילו די יידישיסטישע ליקווידאטארן פון יידיש.....

ווייל ווען מיר גיבן אויף אונדזערע יידיש, מיט די אלע פון במשך דור דורותדיקע לעבנס מנהגים פון אונדזערע אבות אבותינו. — דאן גיבן מיר זיך אין גאנצן אויף... און פאר וואס, צוליב וואס? אפשר צוליב עפעס א העכערע, בעסערע און מענטשן מער גליק ברענגענדיקע פרייערע אידייע? — א. ניין! נייערט צו אן אלט פארשימלטן נאציאנאליסטישן מולך, וואס האט שוין נישט איין פאלק אויפגעפרעסן, און ווערט אלץ נישט מיד פרעסנדיק אן דעם אריימען הילפלאזן מענטשנס בלוט און געביין... נאציאנאל זיין, מיינט נארמאל זיין; נאציאנאליסטיש זיין מיינט, — פאר׳סמ׳ט זיין.....

מ׳וויל אונדז איינרעדן און מאכן גלויבן אז העברעאיש איז פון זיך אליין געווארן די שפראך פון ארץ ישראל, — אבער דאס איז פאלש! מיר גלויבן ניט אין דעם, אין דעם קאנען נאר גלויבן די וואס ווילן און ברויכן אין דעם צו גלויבן, ווייל יעדער מענטש גלויבט אין דעם וואס ער וויל און ברויך.....

דער העברעאיזמוס מיליטאנט, — האט אויפגעשטעלט די היפאטעזע: אז העברעאיש איז דערפאר געווארן די דאמינירנדיקע שפראך אין ארץ ישראל, ווייל עס איז די איינציקע שפראך פון יידישן פאלק, וועלכע האט פארבונדן די יידן וואס זענען דארט אהין געקומען — פון אלע לענדער אין דער וועלט; ווייל יעדער ייד קאן דאך אין דער שפראך לכל־הפחות דאווענען און לערנען תנ״ך.....



און אויב דאס זאל טאקע זיין די „פארבינדונגסבריק“ — וואס דארף פארייניקן די יידן פון דער גארער וועלט, אין דעם גרויסווערנדיקן שמעלץ־טאפ: ארץ־ישראל, וועלכער שאפט א נייעם יידישן פאלק, מיט אן איינהייטלעכער שפראך; פונקט ווי ס׳איז געשען אין אמעריקע — וואו ענגליש איז געווארן די פארבינדונגסשפראך פון אלע אימיגראנטן פון דער גארער וועלט?

— א, דאן איז עס א זער וואקלדיקע „פארבינדונגסבריק“. — ווייל דער רוב פון די ערשטע אמעריקאנער אימיגראנטן, וועלכע זענען געקומען אין אמעריקע האבן טאקע עפעס אנדערש נישט געקאנט ווי ענגליש; און דאקעגן דער רוב אימיגראנטן, וועלכע זענען געקומען אין ארץ־ישראל — (אפגעזען פון יחידים) האבן אפשר טאקע נאר בלויז דאווענען געקאנט. און זייער אומגאנגסשפראך איז געווען יידיש. עס וויל קיינער נישט לייקענען, אז עס זענען אויך געווען פאנאטיקער וואס האבן צווישן זיך נאר העברעאיש גערעדט, — מחמת זיי האבן אין דעם דערזען עפעס העכערעס, אייביקערעס און הייליקערעס.....

מיר אבער גלויבן נישט אין דעם, ווייל מיר גלויבן איבערהויפט נישט, אז א שפראך מאכט הייליק א ווערק; וואס מיר גלויבן יא איז: אז גרויסע, אייביקע ווערק מאכן הייליק יעדע שפראך.....

אנגענומען אפילו ווי דער „העברעאיזמוס מיליטאנט“ באהויפטעט, אז ער איז עס געווען דער אויסדערוויילטער, — וואס האט איינגעפירט העברעאיש אין פאלעסטינע. — איז מה רעש? — זאלן זיי נישט פארגעסן, אז דאס פריוואטאייגנטום, מיט דעם קאפיטאל און אלע גרענעצן פון מיין און דיין; זענען אויך נאר איינגעפירט און באשאפן געווארן פון יחידים פאר דער מאסע, — אבער ווייס נישט לטובת דער מאסע.....

דערפאר ווערן טאקע באקעמפט פון דער מאסע די אלע אומסאציאלע שאפונגען; וועלכע זענען באמת נאר פון פריווילעגירטע יחידים — פאר פריווילעגירטע יחידים באשאפן געווארן.....

מיר ווייסן גענוי אז די תימענער יידן און די גאנצע מאסע מערב־יידן קענען נישט קיין יידיש, אבער וויפל פון די מערב־יידן קענען דאס יא העברעאיש?

מיר ווייסן אבער אויך גלייכצייטיק אז 70 ביז 80 פראצענט פון די מזרח־יידן, קענען און רעדן אפילו נאך היינט יידיש אין פאלעסטינע.

דערפאר איז אומגערעכט און שמוציק די טעראריסטישע מיליטאנטע שטעלונג פון די העברעאיסטן אין פאלעסטינע לגבי יידיש.

און ווען מען רעדט שוין יא פון קאנקורענץ, — איז ענגליש זיכער א גרעסערער און שטארקערער קאנקורענט פון העברעאיש ווי יידיש.....

אבער פאר ענגליש האט מען נישט קיין מורא, נאר פאר יידיש ציטערט מען אימת מות... הגם מיט יידיש איז העברעאיש שוין אויסגעקומען במשך פון הונדערטער יארן און ס׳האט חלילה קיינעם נישט פארשטארט, מיט ענגליש האב איך מורא וועט עס אסך שלעכטער אויסקומען.....

אבער קיין שום ציוניסט וועט נישט איינפאלן ענגליש צו וועלן פארבאטן

אין פאלעסטינע. מחמת ענגליש איז דאך די שפה ברורה פון דער „מאנדאטאר מאכט"... די מיליטאנטישע העבראיסטן ווילן באהויפטן אז דער צוואנג צו רעדן העבראיש איז געווען א נויטווענדיקייט פאר פאלעסטינע.

און איך דערקלער דא אפן אז מיר יידישיסטן גלויבן איבערהויפט נישט אין קיין שום צוואנג, — און וואס מיר גלויבן יא איז: אז יעדער צוואנג מוז מיט נאך א שטארקערן צוואנג באצוואונגען ווערן....

זיי טענהן אז די שפראכן פראגע איז לאנג שוין נישט אקטועל. און מיר זאגן אזוי לאנג ווי יידיש הערט אין פאלעסטינע נישט אויף באקעמפט צו ווערן בלייבט די פראגע אלץ נאך אקטועל....

די ערמה'דיקע מיליטאנטן ווילן אונדז פארטרייסטן און איינרעדן מיט א פארבארגענעם חניפה־שמייכעלע: אז זיי גלויבן נישט, אז יידיש וועט אונטערניין....

אפילו אין פאלעסטינע טענהן זיי — איז יידיש ווייט נאך נישט אונטערגעגאנגען. אבער גלייכצייטיק באווארענען זיי זיך און שרייען: יידיש קאן נישט, טאר נישט און וועט נישט אוועקנעמען דעם דאמינירנדיקן כאראקטער פון העבראיש אין די שולן, און אין דער עפנטלעכקייט פונעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל.

יא, זיי גלויבן אז יידיש האט א צוקונפט אין פאלעסטינע, אבער נישט חלילה אלס א גלייכבארעכטיקטע שפראך, — אויף וועלכער מען האט הונדערטער יארן געקעמפט און געשאפט נאך היינט ווייטער קולטור־ווערטן פון אייביקן כאראקטער; נייערט אלס אן אביעקט פאר שטודיעס אין די שולן: ווי אלט־גריכיש אין גריכלאנד, לאטיין אין איטאליע, אראביש אין דער טערקיי....

און ווען העבראיש וועט ווערן בעסער איינגעאנקערט אין פאלעסטינע, דאמאלט וועט מען יידיש ערשט אנהויבן צעליבן און עס אפצוהיטן....

און דערווייל? דערווייל מיינט עס מיט אנדערע ווערטער — מעג מען יידיש דערלאנגען אזא קלאפ, ביז עס וועט בגסיסה דעם אטעם אויסהויכן און מער נישט קאנען קאנקורירן מיט העבראיש....

ביים לעבן מוז יידיש טויט־געמאכט ווערן, — נאכן טויט וועט מען עס באלזאמירן, כדי צו קאנען שטודירן אלס אן עקזאטישן אביעקט. אויף דער אנאטאמישער פאקולטעט אין דער ירושלימער אוניווערזיטעט....

זיי ווילן נאך אמאל מקיים זיין דעם פסוק: „אחרי מות קדושים"!...

זייער הומאניטעט און דעמאקראטישע באציאונג צו אונדז, דוכט זיך קאן קיין שום מענטש נישט אפלייקענען....

עס ווערט אונדז פארגעווארפן אז מיר יידישיסטן זענען אויך מיליטאנט. אבער דאס איז לחלוטין פאלש — מחמת מיר באקעמפן נישט העבראיש. נאר מיר פארלאנגען די גלייכבארעכטיקונג פון יידיש.

און דאס דאזיקע וואלטן געדארפט על פי סאציאליזם אלע ציוניסטן סאציאליסטן אין פאלעסטינע צו פארלאנגען. נו, פארלאנגען זיי עס? טוען



ווי עפעס דאקעגן? דערפאר איז מיר נישט גוט פארשטענדלעך למאי אסך ציוניסטן־סאציאליסטן נעמען זיך אזוי איבער און היצן זיך מיט דער אומטאלעראנטער באציאונג פון סאוויעט־רוסלאנד צו נייהעבראיש... אבער ווי קאן דען אנדערש זיין ווען מען נעמט אין אכט די נידערטרעכטיקע באציאונג צו יידיש אין פאלעסטינע?....

און צו די יידישיסטן וואס זוכן אן אויפריכטיקע פשרה מיטן קעמפדיקן העבראיזם, זאל געזאגט זיין: אז אונטער אזעלכע באדינגונגען קאן און טאר דאס קיינמאל נישט געשען! ווייל אזא שלום צווישן יידיש און העבראיש, וואלט געמיינט בארעכטיקן אלע גנישות און טעראראקטן וואס פירן צום טאטאלן אונטערגאנג פון יידיש אין ארץ ישראל....

און אויב די יידישיסטישע פשרה־מאכער גלויבן אז דערמיט וואס זייערע ווערק ווערן איבערגעזעצט אין העבראיש, אדער געשפילט אינם העבראישן טעאטער. — האט מען זיי שוין געשטעלט א שטול אין גן־עדן און אונדז אויסגעשטרעקט א שלום האנט. — דאן האבן זיי א גרויסן טעות! מחמת מיטן איבערזעצן די יידישע ווערק אויף העבראיש, געווינט די העבראישע ליטעראטור, נישט די יידישע....

און די מויער וואס איז אויסגעוואקסן צווישן גלות און פאלעסטינע וועט תמיד ווערן העכער, גרעסער און דיקער, און די דאזיקע מויער וועט ווייטער אונדז באשאטענען — מיט ווייטקייט, פרעמדקייט און א פארגליווערטער קאלטקייט.

עס איז קלאר אז פון דער דאזיקער „דרייאייניקייט", קאן קיין ליבע נישט געבוירן ווערן... און וואו עס איז נישטא קיין ליבע איז אויך נישטא קיין שום שייכות....

מיט יידיש איז פארבונדן אונדזער גאנצער פראגרעס רענעסאנס, און אלע פראגרעסיווע אידייען פון דער וועלט. און ווייל מיר זענען א פאלק וואס איז געקניפט און געבונדן מיט דעם גורל פון דער וועלט דערפאר מוזן מיר אויך גלויבן אין איר פראגרעס....

יידיש איז קיין גלות־שפראך, נאר די שפראך פון קאמף און פראגרעס. יידיש איז געווארן אונדזער לשון קודש. — ווייל עס איז געשפרענקלט געווארן מיט אונדזער ביסל אויסגעגאסן רויטס....

און עס איז דער גרעסטער אומזין צוזאגן: „אז יידיש איז א שפין אינם רוקן פון העבראיש"... ווייל וואו עס איז דא יידיש איז אייביק אויך דא העבראיש; און העבראיש אן יידיש מיינט פאר אונדז אן איבעררייס פון א הונדערטיאריקער טראדיציע מיט וועלכער אונדזער נשמה איז געווארן צונויפגעוואקסן; — און ווען מיר פארלירן די דאזיקע, דאן זענען מיר אין גאנצן פארלוירן....

צי האט אונדזער פארפייניקט און פון יידן אליין פארפאלגט יידיש א צוקונפט? — איבער דעם אין א קומענדיקן ארטיקל.

# אליהו פאלושאק

## הערמאן דער צווייטער

דער זאטער און אנגעפרעסענער בעל־תאוהניק הערמאן דער ערשטער וואלגערט זיך שוין איצטער ארום ערגעץ־וואו אין די געפעלדיקע שוועבל־ראמה־קאמערן פון גיהנום. קיין שום שליאר איז נישט געבליבן פון זיין אמאליק גרויסער הערלעכקייט: — נישט פון די לוקסוס־אויסגעפוצטע אפארטמענטס, קאליר־רייכע מונדורן, בלישטשעדיקע מעדאליעס און א סוויטע פון שיינע יונגע מענער און פרויען. אפשר איז דאס לעצטע יא געבליבן — די סוויטע יונגע מענער און פרויען מיט א האפנונג פון א נייער „הערלעכקייט". א טרויעריקער גורל, די פארלוירענע מלחמה, האט הערמאנען אראפגעווארפן פון די הויכקייטן פון א מאכטפולער קאריערע אין שאול תחתית, און דאס לעבן אן אים איז דערוויל אזוי שווער און אונזיכער. אפילו זיין נאמען טאר נישט ווערן דערמאנט אין דער עפנטלעכקייט....

דאס לעבן בלייבט נישט שטיין. מיר לעבן אין א צייט פון איבעראשונגען. מען וועט דאך נישט זאגן, אז מיר לעבן אינם שטיין, אדער נאר בראנז־צייטאלטער. א חדר־ייִנגל ווייסט דאך שוין היינט, אז איצט איז די ערא פון דער אטאם־צושפאלטונג. מיר קענען דאך די מעשה: מען שיקט ארויס א ספעציעלן עראפלאן מיט א שבת־קוגל אזוי גרויס ווי א קינדער־באלעם. און ווען דער דאזיקער באלעם פאלט אראפ פאסירט — נאגאסאקי, הירא שימא און אפשר נאך ערגער....

פארשידענע מענטשן זאגן, אז נאגאסאקי און הירא שימא האבן געהאלפן באענדיקן די צווייטע און אפשר „פארלעצטע" וועלט־מלחמה. דאס גרויסע מענטשלעכע און דעמאקראטישע געוויסן פון דער אדער יענער מלוכה, וואס האט באפוילן און באשטימט צו באנוצן די אטאם־באמבע, איז געווען באראויקט ביי דעם געדאנק, אז די דאזיקע כלי ווערט באנוצט קעגן א האלבבארבאריש פאלק. זאלן די „סאוויידזשעס", די יאפאנטשיקעס דערשפירן דעם כח און די „גייסטיק־טעכנישע" איבערמאכט פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. זיי וועלן בעטן און פאדערן א וואפנשטילשטאנד, און געבראכן וועט זיין דער מיליטערישער כח פונם לעצטן שותף פון דער אמאליקער אקסע — בערלין־טאקיא־רוים.

די מיליטערישע אקסע בערלין־טאקיא־רוים! עס קלינגט ווי א חלום. הערמאן דער ערשטער איז געווען איינער פון די בוימייסטער פון דער קרומער אקסע, וואס ליגט שוין היינט פארזשאווערט ערגעץ־וואו צווישן וולאדיוואסטאק און קאליי. ער, הערמאן וואגלט ארום אין שאול תחתיה, פון זיין געביין איז קיין זכר נישט געבליבן, אבער זיין בייזער גייסט האט איבערגעלאזט א ירושה, א בייזע ירושה פון שנאה.קנאה, בייזע ליידנשאפטן, אונטערדריקונגסלוסט און צעשטערונג.



עס איז שוין אזוי אין אונזער וועלטל, אז אפילו עוולות און אכזריות ווערן באגרינדעט מיט טעאריעס און דאגמעס. מען האט אפילו נישט קיין מורא זיך דערביי צו באנוצן מיט זיין ליבן נאמען. עס זענען נעכטן און היינט געבוירן געווארן די אויך־מיר טעאריעס און דאגמעס פון דער געטלעכער באשטימונג און מיסיע פון באשטימטע פעלקער צו הערשן, רעגירן, דיריגירן, פאראדעווען. טרייבן און אנטרייבן אנדערע פעלקער וואס זענען שוואך און אומבאשיצט, האבן אן אנדערע נאז אויף זייער פנים אדער אן אנדערע הויטפארב.

און צו דעם דאזיקן צוועק ווערן געשאפן באזונדערע ארגאניזאציעס, וואס דא און דארט האבן זיי פארשידענע נעמען: עכטע מאניארן, פאמציאס אדער פאשיסטן, נאצים, פאלאנגיסטן, קו־קלוס־קלאן, און אנדערע מאוסע אויסגעטראכטע נעמען, ווי קאגולארס אדער אפשר נאר ריין־ראסיקע שטינקנדיקע וואנצן....

די לעצטע מלחמה האבן די אזויגערופענע דעמאקראטישע מלוכות אנגערופן א קרוסאדע, א קרייץ־צוג קעגן ווילדן נאציאנאליזם און בארבאריי, קעגן פארגוואלטיקונג פון אינדיווידואום און שוואכע פעלקער.

קעמפן קעגן עפעס קען אמאל זיין — קעמפן פאר עפעס. די וועלט האט געקעמפט קעגן דעם גייסט פון דער קליקע אראלף און הערמאן. און ווען דער קאמף ווערט אפגעשלאסן, און דער שונא באזיגט, מוז אויך זיין גייסט ווערן אויסגעראטעט און פארטיליקט דרויסן און אין דער אייגענער היים.

יא, געוויס זענען אין אלע דעמאקראטישע און סעמי־דעמאקראטישע לענדער דא כחות, וועלכע זענען ערלעך באשטרעבט אפצורוימען און צו באזייטיקן די איבערגעבליבענע שליאדעס פונם ווילדן אגרעסיוון נאציאנאליזם. פאשיזם און פאלש־אויסגעטייטשטן אתה בחרתנואיזם. פון דער אנדערער זייט זעט עס במעט אזוי אויס, אז אונדזער וועלטל איז אין די לעצטע יארן ארויס פון די זאוויאסעס, און אז אפילו די ערלעכע דעמאקראטישע כחות זענען נישט בכוח אדער נאך נישט בכוח דאס דאזיקע וועלטל צו ברענגען אין די ריכטיקע פאזיציע פון גלייכגעוויכט.

עפעס ווי א שלעכטער וויץ אדער בייזער חלום האבן אויף אונדז געווירקט די צייטונגס־ידיעות פונם שטאט געארגיא אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, אז דארט איז פארגעקומען אן אפערעטנהאפטער מארש פון באוואפנטע שטורמיסטן צום קאפיטאל, דעם זיץ פון דער לאנדעסרעגירונג פון געארגיא.

געארגיא איז איינער פון די 48 שטאטן פון דער גרויסער נארד־אמעריקאנישער רעפובליק. זי געהערט צו די דרום שטאטן, וואו עס וואוינען מיליאנען נעגער, די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די אמאליקע שווארצע שקלאפן. דער דרום איז אייביק געווען צוריקגעשטאנען און רעאקציאנער און די באציאונג צו דער פארביקער באפעלקערונג אראגאנט און אומפארשעמט.

אפשר איז עס נישט קיין צופאל, וואס דער אנפירער פון דעם ראזיקן אפערעטענהאפטן פוטש הייסט אויך הערמאן, און פארטרעט די ענלעכע אידייען און דאגמעס, ווי דער דייטש הערמאן געריגג, דער שאפער פון דער פרייסיש־דייטשער געסטאפא און אנדערע טעראר־גרופעס. הערמאן דער צווייטער פון גערגיא האט מיט געוואלט פארכאפט די מאכט אין איינעם פון די שטאטן פון דער מעכטיקער צפון־אמעריקאנישער דעמאקראטישער רעפובליק. ער האט דאס געטון מיט דער הילף פון שטורם־טרופן און אפגעשאפט די גלייכע רעכט, וואס די שווארצע באפעלקערונג האט גענאסן ביז איצטער. אין גערגיא הערשט דאס רעכט פון כוח און פון דער דאגמע פון דער געטלעכער באשטימונג פונס ווייסן מענטש צו רעגירן און הערשן איבער נישט־ווייסע אדער שוואכע פעלקער, ראסן, מינדערהייטן. אין גערגיא הערשט די בלאנדע בעסטיע.

א בארימטער פילאזאפיע־פראפעסאר האט אמאל מיט יארן, רעדנדיק איבער ניטשע און זיינע אידייען געזאגט: „דער נאציאנאלער געדאנק איז די רעליגיע פונם צוואנציקסטן יאר הונדערט”. דאס וואלט נאך נישט געווען שלעכט. דער נאציאנאלער געדאנק איז שוין אינם 19־טן יארהונדערט במעט געווען ווי א רעליגיע, און האט מיט זיך געברענגט דאס דערוואכן און אויפשטייגן פון אמאל אונטערדריקטע פעלקער און קולטורן. עס זעט אבער אויס, אז דער נאציאנאליזם און שאוויניזם מיט אלע זיינע טרויעריקע באגלייט־דער־שיינונגען פון טעראר, טויט און פארניכטונג ווערט שוין באלד „קולטווירט” ווי א רעליגיע, להבדיל.

דער קליינער מלוכה־געוואלט־אקט פון הערמאן דעם צווייטן אין דער גרויסער צפון־אמעריקאנישער רעפובליק איז נישט קיין ביליקער אפטרעטן־ווייז, נאר א ווארנונג צום זיטליכן געוויסן פון דער וועלט.

## עזרא פינינבערג

(צוגעשיקט פון מאסקווע)

דעם צוויי און צוואנציקסטן נאוועמבער ניינצן זעקס און פערציק איז אין עלטער פון זיבן און פערציק יאר נאך א שווערער קרענק געשטארבן דער באוואוסטער דיכטער עזרא פינינבערג.

העכער פינפאונצוואנציק יאר האט דער דיכטער געהאלפן בויען די יידישע סאוויעטישע ליטעראטור וואס ער איז געווען איינער פון אירע גרונטשעפער. א גרויסער דיכטער מיט א טיפן דראמאטיש לירישן טאלאנט איז עזרא פינינבערג פון בוך צו בוך געוואקסן. זיין פאעטישווארט, זיין טעמפעראמענטפול ליד האט אן אויפהער געשטיגן ווי עס האט געשטייגט זיין טיפער מענטשלעכער באוואוסטזיין. זיין הייסע ליבשאפט צום סאוויעטישן סאציאליסטישן היימלאנד.





עזרא פינינבערג

עזרא פינינבערג האט איבערגעלאזט נאך זיך א רייכע דיכטערישע ירושה. אין דער ליטעראטור פארנעמט ער איינס פון די אנגעזעענסטע ערטער אלס פראבלעמען דיכטער, אלס דיכטער מיט א גרויסער קולטור ירושה א דיכטער מיט א טיפן חוש צו אונדזער סאוויעטישער היינטצייטיקייט.

אויפן רוף פון אונדזער פאטערלאנד איז דער דיכטער אין די ערשטע טעג פון דער פאטערלענדישער מלחמה אוועק אויפן פראנט וואו ער איז אין די שלאכטן פאר מאסקווע פארוואונדעט געווארן.

„זאָל דאָרט פאַרצייכנט זיין,
אַז דורכגעגאַנגען דורך אַ גרויסן דור איך בין,
אַז מיט חברים איך בין אין פלאַם געווען,
און בין מיט זיי געשטאָרבן.״

אַזוי האָט געשריבן דער דיכטער פּאַטריאָט. ווייל ער, דער דיכטער עזרא פינינבערג איז געווען לייב און לעבן פון אַט דעם גרויסן סאָוויעטישן דור.

„לאַנד און ליבשאַפט" אַזוי האָט פינינבערג אָנגערופן איינע פון זיינע שענסטע לידער זאַמלונגען וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אייגנטלעך איין דורכ־אויס געזאַנג וועגן ליבשאַפט צום סאָוויעטישן לאַנד. שוין אַליין די נעמען פון זיינע ביכער „די קריגן דויערן", „און ערד אַנאַנדערע", „פון שלאַכטפעלד" „אין רויטיקן פייער" און אַנדערע ריידן וועגן דער ליבלעכער פאַרקניפּטקייט פון פינינבערג'ס גאַנצן פּאָעטישן וויסן מיט דער סאָוויעטישער זיגרייכער ווירקלעכקייט.

עזרא פינינבערג האָט זייער אַסאַך אויפגעטון צו דערנענטערן און פאַר־בינדן די יידישע סאָוויעטישע ליטעראַטור מיט די ליטעראַטורן פון די סאָוויע־טישע פעלקער און מיט דער וועלט קלאַסיק. ער האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט זיינע איבערדיכטונגען פונעם פאָלקלאָר פון די סאָוויעטישע פעלקער און מיט זיינע איבערזעצונגען פון פושקין, לערמאָנטאָוו, שעווטשענ־קאָ, און פון געטע'ס „פאַאוסט".

דער טויט האָט אַרויסגעריסן פון די רייען פון די סאָוויעטישע יידישע שרייבער עזרא פינינבערגן, אַ דיכטער וואָס איז פאַרקריצט אין האַרצן פונעם סאָוויעטישן דור און וועט אויך שטענדיק בלייבן אין זכרון פונעם פאָלק.

## א. וואַטערמאַן

# מר. בעווינס אויסערן פּאָליטיק

די אויסערן פּאָליטיק פון ענגלאַנדס לייבאָר רעגירונג פאַרנעמט איצט דעם אויבנאָן אין די פּאָליטישע קרייזן אין לאַנד.

די פראַגע שטייט אַזוי — צי וועט דער רעוואָלט פון איבער 100 לייבאָר פּאַרטיי רעפּוטאַטן און 2 און האַלבן מיליאָן טרייד־יוניאָניסטן צונישט ווערן, וועלן זיי זיך לאָזן אונטערמידירט ווערן פון די שווערע פויסט פון פּאַרטיי־דיסציפּלין. מר. בעווינס חויבע באַסאָווע שטימע און די דראָונגען פון „טראַנס־פּאָרט הויז".

אָדער פאַרקערט וועט דער רעוואָלט און פּראָטעסט קעגן אַט די פּאָליטיק (וואָס בינדט ענגלאַנד צו דעם אַמעריקאַנישן דאָלאַר רייט־וואָגן) פאַרשטאַרקט און פאַרברייטערט ווערן.

צוויי פאַקטאָרן מוזן גענומען ווערן אין אָנבעטראַכט, ערשטנס, וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט אַט דער רעוואָלט שוין געהאַט אויף בעווינען (זיין מער



פּאָלעראַנטער טאָן לגבי סאָוויעט רוסלאַנד, מאָנטגאָמעריס וויזיט אין מאָסקווע), צווייטנס, דער פאַקט וואָס אַט די אַנטי־בעווינסטישע שטעלונג געפינט אונטערשטיצונג אין די נידריקע שיכטן פון די לייבאָר־פּאַרטיי. אַזוי שרייבט דער „אָבסערווער" פונעם 22טן דעצעמבער: „די אָנפירערשאַפט פון די לייבאָר פּאַרטיי זיינען זייער שטאַרק פאַרזאָרגט וועגן די ווייט פאַר־שפּרייטע קריטישע באַציאונג צו די יעצטיקע אויסערן פּאָליטיק און האָט דערפאַר אָנגענומען ענערגישע מיטלען צו ערקלערן און קלאָר צו מאַכן זייער שטעלונג צו די „ראַנק און פייל" פון די מיטגלידערשאַפט".

דער פאַקט איז אַז וויפל אַט די פירערשאַפט זאָל נישט פּרובירן צו דיסקרעדיטירן די וואָס זיי רופן אָן צום ערשטן „קריפּטאָ קאָמוניסטן" און שפּעטער די „לייבאָר אינטעלעקטואַלן", די קריטישע באַציאונג ווערט שטאַר־קער פון טאָג צו טאָג.

אַזוי צום ביישפּיל, האָט איינע פון די לייבאָר פּאַרטיי בראַנטשעס אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט, אין דער פאָרם פון אַ וואָרענונג, צו אַלע לייבאָר פּאַרטיי אָפּטיילונגען און רעפּוטאַטן וואָס באַצייט זיך זער קריטיש קעגן די יעצטיקע אויסערן פּאָליטיק — וואָס ווערט באַצייכנט אַלס אַ פּאַרט־זעצונג פּאָליטיק" פון די פריערדיקע קאָנסערוואַטיווע רעגירונגען. דער רעזול־טאַט קריסטאַליזירט זיך הויפּטזעכלעך אויף צוויי אָפּשניטן פון אַט די פּאָלי־טיק, וואָס אייגנטלעך זיינען די צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע.

ערשטנס, דאָס מאַכן אָפּהענגיק כמעט הונדערט פּראָצענטיק די ענגלישע אויסערן פּאָליטיק צו די פּאָליטיק פונם „ווייסן הויז" אין אַמעריקע, וואָס איז די פּאָליטיק ניט פון דעם ניט־עפעקטיוועלן פּרעזידענט טרומאַן, נאָר די רעאַק־ציאָנערע קליקע פון די טרעסטן און די גרויסע ביזנעס לייט אַרום אים.

צווייטנס, — די ביטער־קריטישע באַציאונג פון די ענגלישע אויסערן־פּאָליטיק ערשטנס צו ראַטן־רוסלאַנד. און צווייטנס צו די נייע ענשטאַנענע דעמאָקראַטישע און לינקע רעגירונגען אין אייראָפּע.

מיט דעם איז אויך פאַרבונדן דער זער דראָענדער פאַקט וועגן דעם מיליטע־רישן פּאַקט וואָס ענגלאַנד זאָל האָבן מיט אַמעריקע. ווייל וויפל אַטלי און בעווין זאָלן דאָס נישט אָפּלייקענען אָדער פאַרדרייען — בלייבט עס דאָך אַז אויף קיין איין אָפּשניט פון אויסערלעכע פּאָליטיק — וועט די ענגלישע רעגי־רונג ניט אָננעמען אַ פעסטן באַשלוס וואָס זי זאָל זיך פריער ניט „באַראַטן" מיט אַמעריקע — און זיכער נישט אָננעמען אַזעלכע ס'איז שריט, וואָס קענען חלילה פאַרטייטשט ווערן אַז זיי זיינען קעגן די אינטערעסן פון אַמעריקע.

ווייטער זאָגן די קריטיקער, ווי אַזוי קען זיך אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג — וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע פון איינפירן שטופּנווייז דעם סאָ־ציאַליזם אינם לאַנד צו דער זעלבער צייט, זיין געבונדן צו דעם מער רעאַק־ציאָנערסטן טייל פון דער נאָך נאַציסטישע עפּאָכע. ווי אויך פּרובירן פאַרט־זעצן אַ אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע, עבר הירדן, גריכלאַנד,

אינדיע, פּערסיע א.א.וו. דער פאַקט בלייבט אַז דער ענגליש־אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז אַזוי געקניפּט און געבונדן, אַז ס'איז כמעט אוממעגלעך צו פּרובירן אָפּצושוואַכן זיין פּאָזיציע אין ענגלאַנד, און צו די זעלבער צייט פאַרשטאַרקן אים אין אַמעריקע. דער פאַקט בלייבט אַז די אָפּאָזיציע פונם ענגלישן קאַפּיטאַליזם וועט פאַרשטאַרקט לגבי די נאַציאָנאַליזירונג פון די ענגלישע הויפּט אינדוסטריעס, און אַז אַט די אָפּאָזיציע צו די עלעמענטאַרסטע שריט פון סאָציאַליזירונג, ציט איר יניקה פונם אַמעריקאַנעם „פרי ענטערפּרייז אימפּעראַליזם".

דער הויפּט פּונקט אַרום וועלכן סוועלן זיך אין די נאָענטע עטלעכע מאָנאַטן אויסקריסטאַליזירן ניט בלויז די פּאָליטישע צוקונפט פון ענגלאַנד, נאָר אפשר אויך פון אַ גרויסן טייל פון אייראָפּע איז:

וועט דאָס לייבאָריסטישע ענגלאַנד קומען צו אַן אַרבעטזאַמע פאַרשטענדיקונג מיט סאָוויעט־רוסלאַנד און מיט אַלע פּאָרויס גייענדיקע נייע דעמאָקראַטיעס אין אייראָפּע, ווי טשעכאָסלאָוואַקיי, יוגאָסלאַוויע, אַ לינקע פראַנקרייך, פּוילן א.א.וו. וואָס צוזאַמען וואָלטן געקענט פאַרזיכערן אַ מער סאָציאַלע גערעכטע וועלט, און אָפּשטעלן די אַטאָם אַוואַנטוריסטן פון אַמעריקע.

אָדער פאַרקערט וועט די „פּאַרטועצונגס פּאָליטיק" פון באַלדווין, טשעמבערליין און טשערטשיל ווייטער גיין אויף דעם גליטשיקן וועג פון דעם אָפּגעמאַכטן שדוך מיטן אַמעריקאַנעם דאָלאַר אימפּעריאַליזם וואָס וועט מיט אַלע אירע קאָלאָסאַלע כוחות ,אינדוסטריעלע און פּאָליטישע פּרובירן ווידער אויפבויען אַ באַריקאַדע הן אין אַמעריקע, כינע, יאַפּאַן און ספּעציעל אין די אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד קעגן אַ נעפּלאַנטע סאָציאַליסטישע אייראָפּע. פון דעם אויסגאַנג פון די ענגלישע אויסערן פּאָליטיק איז דעריבער אָפּהענגיק צו אונדזער דור וועט ווידער אַמאָל דאַרפן דורכגיין דעם גהינום פון אַן „אַטאָם" מלחמה, וואָס אַלע וויסנשאַפטלער גיבן צו וואָלט געמאַכט אַ סוף פון אונזער ציוויליזאַציע.

אָדער זאָלן מיר נאָכן דערשטיקן און צוקלאַפּן דעם „גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט" דעם דייטשישן באַרבאַרישן פאַשיזם — גיין פאָרויס צו אַ וועלט ווי סאָציאַליסטישע, דעמאָקראַטישע, קאָמוניסטישע רעגירונגען קענען אַרבעטן צוזאַמען פאַר אַ בעסערער יושרדיקער וועלט פון גערעכטיקייט, גלייכהייט און שלום.

פאַר אונז ייִדן איז די פראַגע קלאָר און שאַרף — מיט פּראָגרעס, סאָציאַליזם, דעמאָקראַטיע אָדער קעגן. דאָס זעט אפשר אויס — אַן ענין פון ווייס אָדער שוואַרץ — די פאַקטן זיינען אָבער גענוג דראַענד און שאַרף, אַז מזאָל זיי קענען אַנדערש אָוועקשטעלן. מיטן סאָציאַליזם, דעמאָקראַטיע, שלום און פּראָגרעס וועלן מיר בלייבן לעבן און צוריק בויען אונזערע צעשטערטע, פאַרניכטעטע ישובים. מיט רעאַקציע, אימפּעראַליזם און מלחמה וועלן מיר אונטערגיין, פּונקט ווי סוועלן אונטערגיין מיליאָנען אַנדערע מענטשן און פעלקער.



די לאָגיק פון דער געשיכטע וועט זיך אַנטוויקלען, ניט ווי עס ווילן עס אַ צענדליק רעאַקציאָנערן, נאָר ווי עס ווילן עס צענדליקע מיליאָנען מענטשן. — די ערשטע פעסטונגען פון די רעאַקציע (דער דייטשער פאַשיזם) ליגט אין חורבות, די יורשים פון אַט די לייט, ווילן אויפבויען נייע פעסטונגען — אָבער זיי זיינען געבויט אויף זאַמד. זיי קענען ניט אָפּשטעלן דעם דראַנג פאָרויס, ווייל אונטער דעם דראַנג פאָרויס שטייען מיליאָנען פּשוטע מענטשן — מענטשן ווי איר, וואָס יעדער איינער פון אייך אויף זיין וועג און שטייגער קען ביישטייערן צוטראָגן אַ ציגל פון דער נייער פאָרויס גייענדיקער וועלט.

28-12-46

## „מיין חרובע היים" פון י. האַרן

בוענאָס־איירעס

קיין פּאַראַדאָקס איז נישט מער פּאַראַדאָקסאַלער ווי — „ווייטקייט דערנענטערט"... און קיינער פון זיי איז אַזוי אמת.

יאָ, דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו באַשטעטיקט און מאַכט דאָס בילד בילדלעכער. דעם לעבן לעבעדיקער און ממלא אַלץ אַרום צו וועלכן דאָס לעבעדיק־געוואָרענע בילד האָט אַ שייכות.

אַט אַ שטייגער ליגט פאַר מיר איצט י. האַרנס בוך „מיין חרובע היים" פון 155 זייטן „אָנגעפּיקעוועט" מיט אַלץ וואָס אַ ייִדיש שטעטל אין פּוילן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט פאַר דעם ייִדישן וועלטס־בורך.

דאָס שטעטל, וועלכעס י. האַרן באַזינגט איצט אַזוי טרויעריק שיין, הייסט מעזריטש. דער פאַרמעסט זיינער איז — צו דערציילן אונדז וועגן אַלץ וואָס ס'איז דאָרטן פאַרגעקומען פון זינט דער ערשטער און צווייטער מלחמה און מיר זען פאַר זיך אַן אמת־לעבעדיקע פּאַנאָראַמע, וועלכע ציט זיך אונענדלעך.

לאָמיר באַלד דאָ באַמערקן אַז אויך מיין ווינגעלע האָט זיך דאָרטן געוווינט און אויסגעוווינט. אַ 37 יאָריקע ווייטקייט האָט עס צו מיר איצט דערנענטערט און לעבעדיק געמאַכט מיט אַלץ וואָס ס'האָט אין דעם געלעבט, געחלומט און אין די נסים־טעג פונם וועלט־חורבן, מיט אַלע אַנדערע אַזעלכע שטעטלעך געשטאָרבן. אָן עמיצער זאָל נאָך דעם ווי אַ יתום קריע רייסן, קדיש זאָגן און טאַקע נאָך דעם אָפּזיצן שבעה און נאָכזאָגן אַ שבח....

מעזריטש איז נישטאָ מער און וועט שוין אפשר מער נישט זיין ווי עס איז געווען ווייל אַ אַ ייִדיש שטעטל לעבט נאָר דאַן מיט אַן אייגענער עכטייִדישער פּערזענלעכקייט, ווען ייִדן לעבן זיך דאָרטן אויס מיט אַן אייגנעם לעבנס־שטייגער און שטאַרבן ווען די צייט קומט מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

י. האַרן, דער מחבר פון אַט „מיין חרובע היים", באַווייזט עס דייטלעך

אז ווען אפילו אַנדערע אַזעלכע שטעטלעך האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל, איז דאָך זיין שטעטעלע מעזריטש אַן אויסגעצערטלטע, אויסגעחלומטע שטעטל וואָס האָט זיך באַ ימט געמאַכט, — ווייל יעדער שטיין דאָרט איז געשיכטע, יעדער ציגל, בערגל און גריבל, פּערזאָניפיצירט: „אָנהייב", „אויפגאַנג", קולטור און דערהויבנקייט, שווייס און קאַמף אויסגעמישט מיט בלוט, יאָ עכט קעמפעריש בלוט אין דער צייט ווען „סאָציאַליזם" איז געווען בלויז א שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן און פּראַקטיש לעבן אַלע די רעכטן, וועלכע ווערן טעאָרעטיש אָנערקענט (לויט מאַרקסן).

מעזריטש, שוין אין 1905 איז געווען דער רעזערוואָואַר פון וואַנען פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָבן געשעפּט אינספּעראַציעס; פון אָט דעם רעזערוואָואַר איז געקומען אַן איבערפלוס וואָס האָט געוואַשן און אָפּגע־שווענקט קויטיקע ווינקלען אין וועלכע מען האָט נאָך געאַרבעט צו 16 און 18 שעה אין טאָג. עס איז געווען אויך מעזריטש פון וועמנס רעזערוואָואַר עס האָבן זיך געלאָזן איבער דער וועלט: דיכטער, שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן, קינסטלער און נישט ווייניק רעוואָלוציאָנערע פירער, וועלכע האָבן ווי די אַמבאַסאַדאָרן געלאָזן הערן אין וועלכע שליחותן זיי זענען געקומען.

גאָר אינטערעסאַנט איז האַרנס קאַפּיטל וואָס הייסט „א דור וואָס האָט געקעמפט און געבענקט". דער קאַפּיטל האַנדלט מיט דער צייט ווען די רוסן האָבן גאָר וואָס געהאַט פאַרלוירן דאָס שטעטל האָבנדיק דאָרטן אָפּגעווען נישט מער ווי אַכט טעג (אין 1920) און די יוגנט האָט געאַרבעט וועלטן:

„דער שוואַרצער יאָסל, האָט פאַרשריבן גאַנצע העפטן וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז ענטשטאַנען די מענטשלעכע געזעלשאַפט. דער „קליינער אברהמעלע" האָט געלייענט וועגן „אַנבאַט און נאָכפראַגע". העניע דעם קאַמיסיאָנערס האָט זיך געמוטשט „וואָס איז אַזוינס געלט". זיסקינד דער גאַרבער, האָט זיך דערגרונטעוועט צום קאַפּיטאַליזם און זיינע סתירות". דוד דער „יאַטשניק" האָט שטודירט „די נאַטהייט" און שמואל דער בלעכער האָט געוואָלט דערגיין דעם סוד, וואָס איז אַזוינס א נאַציע..."

מעזריטש, „מיין חרובע היים", וויפל נאָך שטעטלעך קען עס שטאַלצירן מיט אַזאַ יוגנט, מיט אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע גייסטער ווי דער „קליינער קיווע", דער „הויכער קיווע", סאַנע מאָרעס און פיל אַנדערע. אָט די אַלע זענען דאָך געווען פון די ערשטע פאָנען־טרעגער, וועלכע האָבן געפלאַקערט פון צאָרן"... און זיי אַליין האָבן מיט זיי מיטגעברענט... און ווי זאָגט עס האַרן: —

„אין דער געשיכטע פון מעזריטשער אַרבעטערשאַפט פאַרנעמען די ביידע „קיוועס" גאָר א גרויסן אָרט. ביידע זיינען זיי אמתע „פּרינצן פון קעלער..."

און איך וואָלט צוגעגעבן — פון לונגען־פעלער... און ווי האָט עס דעמלט דער גרויסער קיווע געדונערט: „וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן אַז פאַרלירן קאָן דער אַרבעטער די קייטן און געווינען קאָן ער די גאַנצע וועלט..."



פאַר אונדז קלינגט עס היינט באַנאַל, אָבער נישט דעמלט ווען די „קיוועס" האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער, אין די פינצטערע נעכט... און בכלל האַלט איך אַז דער בוך „מיין חרובע היים". איז עפּעס מאָנומענטאַלעס אפילו ווען ס'איז בלויז געווידמעט איין שטעטל מעזריטש. עס רעדט פאַר אַלע שטעטלעך אַרום און אַרום.

עס איז אַן ספק י. האַרן געלונגען נישט נאָר אידיליש צו באַזינגען זיין שטעטל, נאָר טאַקע שטעלן עס דעם פאַרדינטן מאָנומענט וואָס וועט איבער־גיין פון דור צו דור ווי א מין גייסטיקע ירושה. ס'איז אים אויך געלונגען צו קומען צום אויסדרוק מיט זיין פשוטן אָרט דערציילן, מיט זיין מאַלעריש־קייט און מער פון אַלץ, מיט דער ווייכקייט פון זיין שפּראַך, וועלכע איז בויגיק און מיט א מין זיסן צער וואָס „אַרעסטירט" און האַלט „געפאַנגען" לייענען מיר:

„הורבנייענדיק די בריק, פלעגט פלוציס א יאָג טאָן מיט א ביסל פּאַע טישן ווי און אַמאָל האָט נאָר די זון געהאַלטן אין סאַמע מיט דער טרינקען ווערן אין וואַסער..."

אָדער ווי עס פאַרגליסט זיך אים מאָלן א התוגה אין דעם גאָר אָרימען פערטל פונם שטעטל וואָס האָט געהייסן „שמולעווינצע" און מיט אַזוי פיל חן:

„פריער מענדל־קלעזמער און שפּעטער יאַנטשע מיט משה צאַריצינער האָבן אָפּגעשפּילט די „שטיק" און „מאַצעלע", אַלע פלעגן אויספירן א „שער" דורך גאַסן און געסלעך און לעמיל אָדער סאַרווער „משה קלאָפּ". פלעגט פון זילבערנע טאַצן טיילן בכבוד די געסט".

אינטערעסאַנט איז אויך ווי דער מחבר גיט אונדז א פּערלדיקן מוסטער פון די לידער, וועלכע זיינען צו יענער צייט געזונגען געוואָרן פון די מיידלעך אין די שוועבעלעך־פאַבריק, אָדער גאָר אין די גילזן פאַבריקן און סתם וואַר־שטאַטן:

„און מיין לעבן איז געגליכן
צו א לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט:
ווערן ווערט ער נישט פאַרלאָשן,
ברענען האָט ער נישט קיין קראַפט!"...

אָט פאַר דעם אַלעמען מיין הדר אַרץ. „מיין חרובע היים" איז דער מאָנומענט פאַרן שטעטל בכלל פול מיט ליבע און האַרץ און אויב אַנדערע י. האַרנס וועט זיך פאַרגליסטן אַרויסצירופן זייערע אייגענע גייסטער כדי מיט זיי זיך פאַרצושטעלן, זאָלן זיי עס טאָן; זאָלן זיך די פּאַנאָראַמעס ציען פון זייערע ביבער אַרום מיט אַלע קאָלירן פונם רעגנבויגן נישט אויסלאָזנדיק אויך די פאַרבן רויט און שוואַרץ...

— כבוד דיר מיין חרובע היים וואו מיין וויגל איז געשטאַנען.

**אלעגאַריער**

לאַנראַן, 1947

# ערשטע פריילאנד - לאנד קאנפערענץ

אין משך פון 22־טן, 23־טן און 24־טן נאוועמבער איז אין ניו־יארק פארגעקומען די ערשטע פריילאנד־לאנד־קאנפערענץ, וועלכע איז לויט אלעמענס איינדרוק געווען זייער א געלונגענע. עס זענען געקומען דעלעגאטן פון פון אסך שטעט פון די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע, אויך פון לאס־אנדזשעלעס: טעלעגראמעס און באגריסונגען, צוזאגנדיק די פולע אונטערשטיצונג פאר דער פריילאנד־באוועגונג, זענען אנגעקומען פון „פריילאנד״ צווייגן פון אויסטראליע, ענגלאנד, האלאנד און פון אסך פונקטן פון אמעריקע.

די קאנפערענץ האט אויסגעהערט א באריכט פון ד״ר י. נ. שטיינבערג וועגן די פארהאנדלונגען מיט דער בריטישער, פראנצויזישער און האלענדישער רעגירונג בנוגע דער יידישער קאלאניזאציע אין די גוויאנעס; ווי אויך א ריי אפיציעלע בריוו וואס זענען אנגעקומען פון די באטרעפנדע רעגירונגען.

די קאנפערענץ האט באאויפטראגט די ניי געוויילטע נאציאנאלע עקזעקוטיווע ענערגיש פארצוזעצן די פארהאנדלונגען ביז דער פריילאנד־קאלאניזאציע־פראיעקט וועט ווערן פארווירקלעכט. גלייכצייטיק האט די קאנפערענץ באשטעטיקט דאס שאפן פון א רעפרעזענטאטיוון קאמיטעט אויסצופארשן די גוויאנעס. צו דעם צוועק איז די עקזעקוטיווע אינסטרוקטירט געווארן צו פארהאנדלען מיט אלע צענטראלע יידישע קערפערשאפטן וואס זענען פאראינטערעסירט אין יידישער קאנצענטרירטער קאלאניזאציע מעבר־לים.

איבער א ריי טעארעטישע און פראקטישע פראגן פון יידישן לעבן איבער דער גארער וועלט האבן רעפערירט: א. גלאנץ, ש. גוטמאן, ד״ר ל. מ. פרוכטבוים, יעקב לעווין און מ. מענדעלסבערג. עס זענען באהאנדלט געווארן, צווישן אנדערע, אויך די פראבלעמען פון פריילאנד אין דער יידישער קולטור און יידישער קאלאניזאציע אין אמעריקע.

די קאנפערענץ האט זיך געשלאסן מיט א פייערלעכער ווענדונג צום יידישן פאלק וואס וועט פארעפנטלעכט ווערן אין דער פרעסע.

זונטיק אוונט איז פארגעקומען אין גרויסן זאל פון גרענד סטריט באיז, דער יערלעכער באנקעט פון דער פריילאנד־ליגע וואס איז דורכגעגאנגען זייער דערפאלגרייך און איינדרוקספול. עס זענען אין די קורצע רעדעס באריכטעט געווארן די אקטועלע יידישע פראגן. עס זענען געווען פארטרעטער פון האלענדישע און אונגארישע יידן (דער הויפט ראביי פון אונגארן), דער פארטרעטער פון יידישן ארבעטער קאמיטעט י. מינקאף; פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע פון ארבעטער רינג ל. געלפאר; פון דער דזשאינט־באארד פון דער דרעסמייקערס יוניאן נ. מינקאף; פון דער קעפמייקערס־יוניאן י. ראבערטס; פון לאקאל 142 דזש. טאוויים; פון לאקאל 62 און אנדערע.

קורצע באגריסונג־רעדעס אויפן באנקעט זענען געהאלטן געווארן פון י. נ. שטיינבערג, א. גלאנץ, און אדא סיגעל (אין ענגליש). פון ש. גוטמאן,



פ. העוועשי — הויפט ראביי פון אונגארן. פרוי לעאניז — פארטרעטערין פון נארוועגיע ביי דער „יונא״ און ל. געלפאר, וועלכער האט אין נאמען פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע פון ארבעטער רינג אויסגעדריקט סימפאטיע צו די צילן פון דער פריילאנד־ליגע און זיין האפענונג אז די טירן פון די ארבעטער רינג בראנטשעס וועלן זיך עפענען פאר דער טעטיקייט פון דער פריילאנד־ליגע.

---

## מ. שפיזמאן ע״ה

(געשטארבן דעם 8 יאנואר, 1947)

מיט דעם פלוצלונגען טויט פון ה׳ שפיזמאן, האבן מיר פארלוירן א חשובן חבר און פריינט, וועלכן מ׳קאן באצייכענען אלס איינעם פון די ערלעכע ליבהאבער פון די יידישע קולטור און פונעם יידישן ווארט בכלל.

ה׳ שפיזמאן איז נישט געווען סתם איינער פון די וועלכע נעמען בלויז אויף דאס יידישע ווארט. ער האט אויך געהאלפן עס פארשפרייטן און איז אויך געווען טעטיק אינם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן. באזונדערס וועט ער פעלן דעם „יידישן קולטור־קלוב״ אין לאנדאן, ווי ער איז א צייט לאנג געווען א פירענדער כוח.

אויך אין אונזער זשורנאל „לשון און לעבן״ איז אפגעדרוקט זיינס אן דערציילונג.

ער איז געווען באשאנקען מיט א הארציק גייסטיקע סענטימענטאליטעט. ביי וועלכער מ׳האט א הנאה געהאט זיך מיט אים צו אונטערהאלטן. שוין אליין מיט זיין זאפטיקן יידיש (דער שרייבער פון די ציילן איז מיט אים באקאנט געווען א לענגערע צייט, נאך אין בערלין).

ליידער האט ער זיך די לעצטע צייט געמוזט צוריקציען פון זיין געזעלשאפטלעכער מיטארבעט. ווייל זיין געזונטצושטאנד איז געבראכן געווארן דורך די צרות וואס ער האט אדורכגעמאכט אינם היטלער־דייטשלאנד, דאס האט זיך זער אפגערופן אויף זיין גאנץ וועזן.

ה׳ שפיזמאן איז נישט בלויז א גרויסער פארלוסט פאר זיינע אנגעהעריקע נאר אויך פאר דער פראגרעסיווער יידישער געזעלשאפטלעכקייט. ווייל עס ווערט ווידער ארימער די יידישע גאס מיט אן אמתדיקן פאלקס־מענטש, וועלכער איז געווען ענג פארבונדן מיטן ספעציפיש־יידישן סאציאלן לעבן.

מיר קאנען נאר באשטעטיקן, אז דער נאמען מ. שפיזמאן וועט שטענדיק אין אונזערע רייען צום גוטן דערמאנט ווערן, און די הינטערבליבענע פרוי און טאכטער, זאגן מיר זייט געטרייסט אין דעם גוטן נאמען, וואס אייער ליבער מאן און פאטער האט נאך זיך איבערגעלאזט.

אין נאמען פון רעדאקציע „לשון און לעבן״, און אלע פריינט פון פאריין „פריינט פון יידיש לשון״.

**אייזיק גאלדבערג**

# א שטילער און א געטרייער

(געשטאָרבן דעם 11טן יאַנואַר 1947)

א שטילער, אן ערלעכער, תמימותדיקער און געטרייער איז געווען יצחק ווײַנרײַך, ע"ה, און מיר ווענען טרויעריק, וואָס מיר האָבן אים אין נאָך יונגע יאָרן אַזוי פּלוצים פאַרלוירן. יצחק ווײַנרײַך איז דעם 11־טן יאַנואַר געשטאָרבן אינם עלטער פון כמעט 60 יאָר. מיר האָבן נישט געוואוסט, אַז ער איז געווען א לײַדענדיקער און א קראַנקער און מסתמא דערפאַר האָט די ידיעה פון זײַן טויט אויף אונז געווירקט אַזוי גרוילעך.

יצחק ווײַנרײַך איז געווען איינער פון די פרײַ־צוגעוואַנדערטע יידישע יידן, וואָס האָט מיטגעבראַכט פון זײַן היים טשענסטאָכאָוו, די סינטעזע פון יידישער טראַדיציע און מאָדערנער קולטור, און מען מוז זאָגן, אַז ער איז דער דאָזיקער סינטעזע אָרענטלעך און פשוט נעבליבן געטרײַ ביז צו זײַן פריען טויט. אומעטום, ביי אַלע יידיש־ליטעראַרישע און קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען האָט ער, דער שטילער און געטרײַער, נישט געפעלט. און ווען ס'איז געווען נויטיק, האָט ער אויך צוגעליינט א האַנט און געהאָלפן. ער איז געווען א מיט־גליד פון „פרײַנט פון יידיש לשון" און א געטרײַער לייענער פון אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן", און א מיט־טוער אין אונזערע יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס.

מיר באַטרויערן דעם פאַרלוסט פון א גוטן האַרציקן פרײַנט. א.פ.

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאָררים מייער

די איינציגע טעגליכע

אידישע צייטונג אין

אייראָפּא

אילוסטרירטער

טעאַטער שפּיגל

חודש־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון „פאָלקס־הויז" (בית־עם) און פון נײַ־אידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן. אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער : 1 שילינג

אַדרעס :—

"THEATRE MIRROR"

Adler Street, London, E.1

England.

Telephone : — BIS 1320.



# ביכער אנגעקומען אין רעדאַקציע

„די לאַנגע נעכט" (לידער)—פון אליעזר גרינבערג, ניו־יאָרק, 1946

„מײַן חרובע היים" — פון י. האָרן, בוענאָס איירעס, 1946

„פרץ־בוך" ייוואָ־בלעטער, ניו־יאָרק, 1946

„געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע" — פון י. נ. שטיינבערג, ניו־יאָרק, 1045 ;

„געצעלטן", נומער 9־10, ניו־יאָרק, מאַי־סעפּטעמבער, 1946 ;

„יידישע טריבונע", נו' 3, רעדאַקטאָר י. ה. קלינגער לאָנדאָן דעצ. 1946

„טעאַטער שפּיגל", לאָנדאָן, אָקטאָבער, 1946 ;

„ייד. טעאַטער שפּיגל", רעדאַקטאָר י. ש. אַרענדאַרף, לאָנדאָן יאַנ. 1947

„יידישע קולטור" נומער 12, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1946

„יידישע קולטור", ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1946 ;

„יידישע קולטור" נומער 1 ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1947

„ידיעות" פון ייוואָ, נומער 17 ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1946

„ידיעות פון ייוואָ", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1946 ;

„אויפבוי", מעלבורן, סעפּטעמבער, 1946 ;

„אונזער צייט", ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 1946 ;

„יידישער קעמפער", נומערן 681־684, דעצעמבער־יאַנואַר, 1946־1947

„דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, נומער 425־426, אָקט. און נאָוו. 1946

„אַרמאַנטער היינט" (מיט לאַטייניש אותיות), נומער 10, נאָוו. 1946.

„אין זכות פון די טעג" 3/6

„אין חדר אריין" 5/-

פון

משה עובד

צו באַקומען ביים מחבר :

MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1

עפנטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פרײַ

# קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ

פוילן. — דעם 15טן ד.ח. איז אין
קראקא פייערלעך געעפנט געווארן א
קלוב און ליי‏ען־זאל אויפן נאמען פון
יידישן פאלקס־דיכטער מרדכי געבירטיג
וועלכער איז אומגעקומען אין קראקע־
ווער געטא. אין דער פייערלעכקייט
האבן אנטיילגענומען: א פארטרעטער
פון קראקעווער וואיעוואדע, פארטרע־
טער פון קראקעווער שטאט־פרעזידענט,
פון קראקעווער קולטור־און קונסט פא־
ריין; א פארשטייער פון דער וואיע־
וואדישער אינפארמאציע־און פראפא־
גאנדע־אפטיילונג, פון פוילישן ליטעראַ־
טען־פארבאנד אין קראקע און אנדערע.

* *

ווארשע. — די טעג איז אין ווארשע
פארגעקומען די גרינדונגס־פארזאמלונג
פון דער באנייטער געזעלשאפט צו
פארשפרייטן יידישע קונסט.

אין דער צייטווייליקער פארוואלטונג
זיינען אריין: רעד. ב. מארק, נתן ראַ־
פאפארט, חיים האנפט א.א.
אלס ערן־מיטגלידער פון דער פארוואל־
טונג זיינען געוויילט געווארן: די פאר־
שטייער פון יידישן צענטראל־קאמיטעט
אין פוילן ד״ר א. בערמאן און י. ביטער,
פון דער רעליגיעזער קאנגרעגאציע הרב
ד״ר ז. כהנא און זילבערבערג; פון לי־
טעראטן־פאריין — לעא פינקלשטיין
און אפרים קאגאנאווסקי.

* *

די טעג איז צוריקגעקומען פון ראטנ־
פארבאנד קיין פוילן דער באקאנטער
יידישער שריפטשטעלער און אנגעזע־
נער געזעלשאפטלעכער טוער ד״ר דוד
ספארד. אין משך פון די לעצטע יארן
האט ד״ר ספארד אין מאסקווע אנגע־
פירט מיטן ארגאניזיר־קאמיטעט פון
די פוילישע יידן ביים פוילישן פאטרי־
יאטן־פארבאנד.

* *

פאריז. — די הינע יידישע קאמו־
ניסטישע טאג־צייטונג „נייע פרעסע",
האט אנגעהויבן צו דרוקן אין המשכים
זלמן שניאורס ראמאן א „טאג עולם
הזה".

כאראקטעריסטיש איז דער „קאמ־
פראמיס" פון דער צייטונג, אז זי איז
געווען געצוואונגען (אפנים, אונטער
דעם דרוק פונם מחבר), זיך צו באנוצן
מיט דעם העברעאישן אויסלייג.

* *

האלאנד. — אין אמסטערדאם עק־
זיסטירט שוין העכער 25 יאר א יידי־
שער קולטור־פאריין, וועלכער ציילט
מער ווי 200 מיטגלידער און פירט א
רירעוודיקע קולטור־טעטיקייט.
דער קולטור־פאריין האט איינגעלאדן
אונזער רעדאקציע זיך צו באטייליקן
אין זיין יובל־פייערונג דעם 22טן יאנו־
אר 1947.
מיר שיקן איבער דעם קולטור־פאריין
אין אמסטערדאם הארציקסטע וואונטשן
פון ווייטערער פרוכבארער ארבעט
לטובת דער יידישער קולטור.

* *

ווין. — אין דריי גרויסע זאלן פונעם
ווינער „קונסט־מוזיי" האט זיך געעפנט
אן אויסשטעלונג פון די מאלערס, גראַ־
פיקער און סקולפטארן פון דער ליט־
ווישער ס.ס.ר. מיט פיר אינטערעסאנטע
לייוונטן איז פארטרעטן דער ווילנער
יידישער מאלער רעפאעל כוואלעס.
באזונדער געלונגען איז זיין בילד: „דא
זענען געווען די דייטשן", געלונגען זע־
נען אויך זיינע 2 בילדער: „פראגמענ־



טען פון ווילנער געטא" און דער פאר־
טרעט פונעם דיכטער וואגלער.
איינער פון די גרעסטע עקספא־
נאטן אויף דער אויסשטעלונג איז דער
ביוסט פונעם העלדיש אומגעקומענעם
פארטיזאנער פון קאוונער געטא, דעם
שרייבער חיים יעלין. נאכדעם ווי די
אויסשטעלונג וועט זיך שליסן, וועט
דער ביוסט פון חיים יעלין איבערגע־
געבן ווערן אינעם ווילנער יידישן מוזיי,
וואו עס וועט געעפנט ווערן א ספע־
ציעלער „יעלין־ווינקל".

* *

קיעוו. — א גרויסע פרייד האבן די
טעג איבערגעלעבט די וויסנשאפטלעכע
מיטארבעטער פונעם קיעווער קאבינעט
פאר יידישער קולטור ביי דער וויסנ־
שאפט־אקאדעמיע פון דער אוקראיני־
שער רעפובליק. פון דייטשלאנד האט
מען געבראכט קיין קיעוו גרויסע פאר־
טיעס ביכער און ארכיוו־מאטעריאלן.
דאס זענען ביכער פון די גרעסטע ביב־
ליאטעק פונעם קאבינעט פאר יידישער
קולטור און פון דער געוועזענער ווינ־
טשעווסקי־ביבליאטעק, וועלכע די דיי־
טשע אקופאנטן האבן ארויסגעפירט
פון קיעוו.

* *

ביים קאבינעט פאר יידישער קולטור
ביי דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון
אוקראינע איז געשאפן געווארן א קאָ־
מיסיע אויף פאראייביקן דעם אנדענק
פון די יידישע סאוויעטישע שרייבער,
וועלכע זענען געפאלן אין די שלאכטן
פארן היימלאנד. אין דער קאמיסיע ניי־
ען אריין שרייבער, וויסנשאפט־און קול־
טור־טוער. די קאמיסיע זאמלט דאקו־
מענטן, בריוו, נישט פארעפנטלעכטע
מאנוסקריפטן, מאטעריאלן, וועלכע
שילדערן דאס לעבן און טעטיקייט פון
די אומגעקומענע שרייבער. אזויארום
וועט צוגעגרייט ווערן א בוך — א
דענקמאל.

* *

דער דיכטער ישראל עמיאט, האט
זיך באזעצט אין דער יידישער אויטא־
נאמער געגנט.

* *

מעקסיקע. — אין מעקסיקע וועט
אינגיכן ארויסגעגעבן ווערן יאסעף
אפאטאשוס ווערק „די פוילישע וועל־
דער" אין שפאניש... אפאטאשו האט
לעצטנס פאבראכט אין מעקסיקע, וואו
ער איז אויפגעטרעטן מיט רעפעראטן
אין א צאל שטעט, וואו עס געפינען
זיך גרעסערע יידישע ישובים.

* *

ניו־יארק. — אין צוזאמענהאנג מיט
דער דערעפענונג פונעם יידישן בוך־
חודש אין די פאריייניקטע שטאטן איז
אין ניו־יארק פארגעקומען א פייערלע־
כע באגריסונג־צערעמאניע פאר יידישע
שרייבער לכבוד ווייטערע ביכער אויף
יידיש, העברעאיש און ענגליש, וואס
זענען געווארן פארעפנטלעכט אין לויף
פון יאר 1946.
צווישן די שרייבער אויף יידיש זע־
נען באגריסט געווארן: זאלמען שניאור
פאר זיין „דניעפר" און שווארצס
קונסט־טעאטער, ז. ווײנפער פאר זיין
בוך „אויף די זאמדן פון יהודה" און
דער רב אברהם ביק פאר זיין בוך
„יעקב עמדין".

* *

## ידיעות פון דא

פון זיד־אפריקאנישן יידישן דיכטער דוד פראם איז דערשינען דא אין לאנדאן א בוך א.נ. „דאס לעצטע קאפיטל".

* *

די טעג דערשיינט דא א בוך פון די יונגע דיכטערין פון בריסל חוה ראזענפארב: „די באלאדע פון נעכטיקן וואלד" און אנדערע לידער.

* *

ל. פאלמעס בוך, מיט איניקע צייכענונגען פון פאעט דערשיינט קומענדיקן חודש.

* *

„פריינט פון יידיש לשון" האט אויפגענומען ביי א גלעזל־טיי דעם רעדאקטאר פון „העולם", משה קליינמאן.

* *

„פריינט פון יידיש לשון" האט געמאכט א גלעזל־טיי לכבוד דעם רעזשיסאר יעקב ראטבוים.

* *

דער יידישער ליטעראטן פאריין האט איינגעארדנט א גלעזל־טיי פאר דוד פראם לכבוד זיין נייעם בוך.

* *

א דעלעגאציע פון נייע־יידיש־טעאטער וועלכע באשטייט פונם טשערמאן פון טעאטער, מ. ביטלער און פונם לייטער א. מייזעלס און סעקרעטארין פרוי רעב. איז אפגעפארן קיין אמעריקע.

* *

פ. נאוויק דער רעדאקטאר פון „מארגן־פרייהייט" האט געוויילט איניקע טעג אין לאנדאן.

* *

משה ליבטענשטיין, באקאנטער שולטוער אין אמעריקע און דירעקטאר פון א קינדער־הײמס, געוויילט אין לאנדאן.

* *

אין „נייע־יידיש־טעאטער וועט אויפגעפירט ווערן „גאלדפאדן חלום" מיט טעקסטן פון יצחק מאנגער, ב. פענסטער און נ. איינבינדער אונטער דער רעזשי פון יעקב ראטבוים.

* *

„נייע־יידיש־טעאטער" גייט אויפפירן א נײ שטיק פון רחל בן יחיא.

* *

לעא קעניג הייבט אן דעם 22טן פעברואר א סעריע לעקציעס איבער יידיש אין יידישן ארבעטער־רינג.

* *

„פריינט פון יידיש לשון" הייבט אן קומענדיקן חודש זיין חודשדיקע ליטעראריש אוונט אין בן־אורי.

* *

דעם 9־טן פעברואר, 3 א זייגער באטאג ארדנט איין „פריינט פון יידיש לשון" צוזאמען מיטן „אוע" א ליטערארישן נאכמיטאג.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין „בערנארד סעטלמענט", בערנארד סטריט, א.1 — 3 א זייגער פינקטלעך

שבת, דעם 1טן יאנואר — שבת־שירה און חמשה עשר בשבט פייערונג.

שבת, דעם 8טן, וועט ד"ר יוסף ליפשיץ האלטן א פארטראג.

שבת, דעם 15טן — יובילעאום פייערונג צום 60־סטן געבוירן טאג פון בארימטן שרייבער יוסף אפאטאשו.

שבת, דעם 22טן וועט ד"ר יעקב מייטלים האלטן א פארטראג.



P. & P. METALWARE AND ENGINEERING CO.
1, (rear) EVELYN STREET,
DEPTFORD, S.E.8.
Tel.: BERmondsey 1681.

ספעציאליסטן פון לייכטע קאנסטרוקציאנס־ארבעטן, אויטאגניש שווייסן, מאשינען פארריכטונגען און עלעקטר. אינסטאלאציעס.
ווערקס־מענעדזשער :— א. פאלושאק

דער „מארגען - זשורנאל"
פון ניו־יארק איז די פירענדע יידישע טאג־צייטונג אין אמעריקע.
דער „מארגען - זשורנאל"
איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואס האלט אויס אין לאנדאן א ספעציעלן ביורא, כדי טעלעגראפיש צו אינפארמירן טאג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אלגעמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראפע.
די „מארגען - זשורנאל"
לעזער אין לאנדאן און אין ענגלאנד קאנען באשטעלן די צייטונג, וועלן זיי שיקן צו פאראויס א טשעק אדער פאסטל־ארדער אויף £4.10.0 פאר א יאר, אדער £2.7.6 פאר זעקס חדשים.
שרייבט דייטלעך אייער נאמען און אדרעס (אין בלאק־שריפט) און שיקט אייער באשטעלונג אויפן אדרעס :
*JEWISH MORNING JOURNAL,* Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

דער
פלאץ
איז
רעזערווירט
פאר
י. ביעטש

יידישער טעאטער „גרענר פאליי", קאמערשל רויד, א.1

מארק מארקאוו און עטא טאפעל

טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופע

טעגלעך יעדן אוונט — 7.30

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יארגאנג | מערץ 1947 לאנדאן | נומער 3 (העפט 86)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה א ל ט :


„עד דלא ידע"... במקום א לייט־ארטיקל לכבוד פורים הי־יאר — ** .. 1
מגילת אסתר 1947, דער שיכורער מאנעט, א בריוו קיין כפר גלעדי (לידער) — שמחה סנה .. .. 3
המן — דער משנה־למלך (פעלעטאן) — נחום שטענצעל .. 6
די שיינקייט, צו וואונדערבאר (לידער) — משה עובד .. 8
דער ועלכער טאג (בלעטלעך פון מיין טאג בוך) — שמחה סנה 9
לידער אין מיין פעלד־ביכל (לידער) — א. ווערגעלים .. 12
דער וועג צום מערב א קאפיטל פון בוך פון רוחר ביז דער טעמזע — אליהו פאלושאק .. .. 14
בלימען ווארייאציעס (לידער) — א. נ. שטענצל .. .. 21
יצא שכרו בהפסדו וועגן ארטור קעסטלערס נאוועלע: „ווי גנבים אין דער נאכט" (רעצענזיע) — לעא קעניג 24
וועגן חוה ראזענפארבס „די באלאדע פון נעכטיקן וואלד און אנ. לידער" (רעצענזיע) — דוד ווייערנפעלד 37
מיין באגעגעניש מיט ביניש שטיינמאן אין 1919 — פ. פאלמע 40
דער משפט! מר. בעווינ'ס רעדע — הרב דוב ווארשאווסקי 43
צי האט יידיש א צוקונפט? (עסיי) — יוסף הלל לעווי .. 49
יידיש (רעפלעקסן און שטריכן) — הערש שישלער .. 55
א בריוו פון חנה ראזענפארב .. .. .. .. .. 57
„א גאלדפארן חלום".... (טעאטער רעצענזיע) — ש. .. .. 58
צום יובל פון ר' אברהם מאנדי — ** .. .. .. 63
קולטור ידיעות פון דא — ** .. .. .. .. 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס .. .. 64



פרייז 1 שילינג

אבאנענטס־פרייז:—13/6 פאר א יאר;

אין אויסלאנד:—3 דאלאר א יאר

1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע

„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.



By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

ס. און ב. פלאסטיקס לטד.
פאבריקאנטן און עקספארטערס
21, BERWICK STREET,
LONDON, W.1
*Telephone:* GERARD 7543

זיינוול דיאמאנט
„אונטערן האקנקרייץ"
א באנד נאוועלן 216 זייטן
דערשינען אין פארלאג א. ב. צעראטא, פאריז. באשטעלונגען ביי:
E. Paluszak, 64, Lauriston Rd.,
Hackney, E.9.

ניי־יידיש טעאטער
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1
דירעקטאריום: וו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.
טשערמאן: מ. ביטלער, אנפירונג: א. מייזעלס, האנ. סעק.: א. ביטלער.
מאיר צעלניקער
און די פאריזער שוישפילער
מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן
צוזאמען מיט די שוישפילער לויטן א"ב:
פרויען:— אנא בוים, שוועסטער טענטלער, קלארא מייזעלס, מעטא סענאל, אנא צעלניקער, איידא שערמאן, מיני שערמאן.
מענער:— מארים אקסעלראד, מאקס בוים, פאול גאלדשטיין, הערמאן טונים, דוד סענאל, א. פוקס, יאזעף שערמאן א.א.
מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער: זשאק טשעפל
יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאג געשלאסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.30


*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*